# מוסדותינו






#18

ארויסגעגעבן דורך:

**ישיבה תו"י ובית רחל דרב"י מסאטמאר, קרית יואל יצ"ו**

נייעס, אינפארמאציע און אנטוויקלונגען פון אונזערע מוסדות הק' מיט קרוב צו 6,300 קינדער כ"י

תמוז
תש"ע



## פארענדיגונג פון נייע "בית רחל" געביידע ווערט נענטער און נענטער

- גרויסע געלט סכומים פעלט זיך נאך אויס אנצוקומען צום "השלם זה הבנין" -

6

## שלומים מרובים!

ארויסקומענדיג מיט די פרישע אויסגאבע וואס באריכט די פארשריט פון "מוסדותינו" הק', נאך א לענגערע צייט-אפשניט פון עטליכע חדשים, טוען מיר דא ווידער באגריסן אלע חשוב'ע עלטערן און זיידעס פון די טויזנטער תלמידים ותלמידות כ"י, ה' עליהם יחיו.

דאס אליין, אז די אויסגאבע ערשיינט בלויז איינמאל אין עטליכע חדשים, אין ווייט-אפגערוקטע פעריאדן, ברענגט דערצו אז דער אינהאלט זאל זיין קאנצענטרירט אלס דאס סאמע מערסטע אינטערעסאנט און אינפארמאטיוו פאר'ן ציבור, באריכטנדיג - אויפ'ן שפיץ גאפל - בלויז די הויכפונקטן וואס זענען פארלאפן צווישן די ווענט פון די מערערע בניני המוסדות, במשך די תקופה. און דאסמאל, אויך פון די אומפארגעסליכע וואכן פון די תשב"ר ובחורי חמד אין קעמפ.

גלייכצייטיג, טוט דא אויך באריכטעט ווערן די ניי געשאפענע מצבים אין דעם פינאנציעלן אפטיילונג, וואס איז - לויט די שווערע אומשטענדן ביים היימישן ציבור ה"י בכלל און ביי די מוסדות בפרט - היבש פארערגערט געווארן, און טראצדעם וואס מיר האבן שוין אין די פאריגע אויסגאבע באריכט דעם נושא פון דעם שווערן מצב, איז ליידער נאכנישט אריינגעקומען קיין שינוי לטובה... דערפאר טראגט דער פינאנציאלער באריכט א פרישע געוויכט, מיט מער פארשטענדליכע התחייבות'ן.

מיר האפן אז איר וועט הנאה האבן דורכגייענדיג די גרויסע פארשריט פון די מוסדות הק' אין אלע אספעקטן, און עס וועט איבערלאזן אויף אייך א רושם לטובה.



## קעמפ ביילאגע

11

## אלארמירנדע באריכט פון די אדמיניסטראציע אפיס

4

### אינהאלט



| | |
|---|---|
| נעקסט פליז זייט 3 | קורצע נאטיצן זייט 10 |
| חודש בחודשו זייט 21 | בילדער פון קינדערגארטן זייט 29 |
| דורכברוך אין עברי גרייזן זייט 21 | בילדער פון כיתה א' זייט 22 |
| פינאנציעלע באריכטן זייט 8 | בילדער פון כיתה ב-ג זייט 26 |



די "מוסדותינו" ווערט ארויסגעשיקט פאר ביזנעסלייט תומכים. אויב איר ווילט עס באקומען אין אייער ביזנעס דאן שיקט אריין צו דעם אדרעס: utakjreport@gmail.com
אדער רופט אריין אין אפיס: 845- 783-5800 #1013

# פרייד צו "הנחת אבן הפנה" פאר נייעם גיגאנטישן "בית רחל אודיטאריום"

אי"ה זונטאג פ' עקב, ערב חמשה עשר באב הבעל"ט, וועט פארקומען דער פייערליכער מעמד "הנחת אבן הפנה" פון דער לאנג ערווארטעטער "אודיטאריום" וואס ווערט געבויעט נעבן דעם בית רחל קאמפלעקס אויף בעיקערטאון ראוד.

דער גיגאנטישער בנין פון ארום 75,000 סקווער פיס וועט בעז"ה אויפגעבויעט ווערן אויף א ריזן באדן אין דעם 'בית רחל' קאמפלעקס אויף בעקערטאון ראוד, וואס איז א פאסיגע און געאייגנטע פלאץ פאר דעם פראיעקט. דאס וועט זיין דער 7'טער בנין פונעם בית רחל קאמפלעקס, נאכדעם וואס דער נייער בית רחל געביידע וועט האפנטליך בקרוב פארטיג ווערן.

דער נייער בנין ווערט געבויעט דורך די בארימטע לעידיס אוקזילערי פון די הייליגע מוסדות, אנגעפירט דורך הרבנית הצדיקת תליט"א, נאכדעם וואס מיט עטליכע יאר צוריק האט די חשוב'ע רביצין תליט"א צוגעזען אז עס איז נאך פאראן א חלל אין אינעם קאמפלעקס פון די בית רחל בנינים, נעמליך עס פעלט זיך זייער אויס א ספעציעלע געביידע פאר גרעסערע צוזאמענקונפטן און שפילן וואס וועט איבער'ן יאר שטארק באנוצט ווערן דורך די תלמידות פון בית רחל, וואס ביז היינט פלעגט מען שטענדיג דארפן ארויספארן אין די גוי'אישע גאס און אפדינגען זאלן אין די ארומיגע סביבה, ווי מאנראו וואודבערי וכדומה, וואו עס האט אפגעקאסט גרעסערע געלטער און אסאך טירחא און קאפוויי, אדער האט מען דאס אפגערעכטן אויף א קלענערן פארנעם אין די עס-זאלן פון בית רחל, צוליב ענגשאפט אין פלאץ.

באזונדער וועט דאס דינען פאר א לאנטש רום פאר דעם דערנעבנדיגן בית רחל בנין מארקאוויטש, צו וועלכן די געביידע וועט זיין באהאפטן, די געביידע וועלכע פארמאגט 36 קלאסצימערן האט ביז היינט נישט פארמאגט אן אייגענעם עס זאל, און די תלמידות פון דעם בנין האבן באקומען די מאלצייטן אין די קלאס צימערן. אצינד וועט דאס פיל פארלייכטערן פאר די תלמידות וואס וועלן באקומען די טעגליכע מאלצייטן אין דעם רחבות'דיגן עס זאל.

גלייכצייטיג וועט דער ריזן היכל הגדול דינען בעז"ה אלס בנין בנוי לתלפיות פאר אלע שמחות און גרעסערע כינוסים בחצר הקודש בצילא דמהימנותא פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, ווי אויך פאר די יערליכע דינערס פאר די מוסדות הקדושים און נאך.

פרטים יבואו אי"ה.

פינאנציעלע נייעס'ן פינאנציעלע נייעס'ן פינאנציעלע נייעס'ן

# צוליב שווערן מצב: ווערטפולע "בן גמלא" גורל געפלאנט פאר אויסגעצאלטע ביז חודש תשרי הבעל"ט

**די הנהלת המוסדות איז אויפגעקומען מיט א פרישן געדאנק ארייצוברענגען ווי מער הכנסות פונעם "בן גמלא פראיעקט", וואס דאס איז א יסוד און א בסיס צום קיום המוסדות, ובפרט אין די לעצטע יארן ווען דער צאל בני עניים פארמערט זיך כסדר.**

**שטייענדיג פאר די חדשים ווען מ'דארף באצאלן די מלמדים אויף ימים טובים, פלאנט די הנהלה בעז"ה דורכצופירן א גורל קומענדיגן חודש תשרי תשע"א הבעל"ט, פאר אלע וואס וועלן האבן אויסגעצאלט זייער גאנצן "בן גמלא" התחייבות ביז חודש תשרי.**

**דער געווינער פונעם גורל וועט באקומען אן אויסגעצאלטע נסיעה אויף די מקומות הק' אין אייראפע, אינאיינעם מיט'ן באקאנטן מגיד מישרים הרה"ג ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א, וואס וועט ווי שטענדיג זיין א רוחניות'דיגע איבערלעבעניש און א געהויבענע נסיעה וואו מ'וועט אויסבעטן אלעס גוטס.**

**פאלגט נאך ווייטערדיגע מעלדונגען איבער דעם תשרי גורל.**

# "נעֶקְסְט פְּלִיז"..!

פון: אחד הנותנים

אט שטייט פאר מיר א לאנגע שורה, איינער הונטער'ן אנדערן. איך זיץ מיר אין פאטעל, מיט'ן לעדערנעם טשעק ביכל אויפןברייטן גלאנציגן טיש, א טייערן פעדער אין די האנט, און איך גרייט מיר אויסצושרייבן א טשעקל, אבער נישט סתם... אויב שוין יא, זאל עס זיין ביד רחבה... צום געדענקען!

די לאנגע שורה פאר מיר באשטייט פון משולחים און גבאי צדקה, יעדער קומט פאר אן אנדערע וויכטיגע צוועק, צי איז עס א מוסד, א ישיבה, א כולל, פון כל קצוי תבל, סתם נצרכים, הכנסת כלה, צרכי רפואה, וכהנה וכהנה, צרכי עמך ישראל מרובין.

איך וויס אליין נישט פונקטליך פארוואס, אבער איך בין שוין לאנג נישט איינשטימיג מיט'ן סיסטעם פון "יעדער נעמט א נומבער"... איך האלט, אז כאטש דער מענטש איז טאקע געקומען אביסל פריער, מיינט עס אבער נאכנישט אז זיין צוועק איז וויכטיגער. ממילא, קוק איך ענדערש אויף די נויטווענדיגקייט פונעם צוועק, און לויט דעם באקומט מען ביי מיר א "דין קדימה".

אצינדער קומט די ריכטיגע ארבעט, איך ברויכ'זשע מחליט זיין ווער עס וועט היינט באקומען ביי מיר דער "דין קדימה".

גיב איך טאקע פאר יעדן עטליכע מינוט צו רעדן, אזוי ארום וויס איך "מי ומי ההולכים", און איך קען מחליט זיין בכובד ראש ווער עס איז דער ראש וראשון לדבר שבצדקה...

עס איז א נחת צו קוקן מיט וויפיל זאפט יעדער משולח נעמט זיך רעדן... ער שילדערט שוידערדיגע בילדער, ס'איז ממש פחד פחדים, אזש צום וויינען מיט זודיגע טרערן, מען פראבירט צו שפילן אויף מיינע הרגשים אויף אן עמאציאנאלן שטייגער, האפנדיג אז - אונטער'ן רושם פון די געפילן - וועל איך מיר עפנען דאס הארץ אינאיינעם מיט די טאש.

באזונדער האב איך הנאה צו זען וויאזוי יעדער האט מיך זעלבסט אינזין, טייל ברוחניות - איבערצייגנדיג מיר אז זיי מיינען גאר מיין פערזענליכע טובה אויף די וועלט און יענע וועלט, און טייל אפילו בגשמיות - געבנדיג מיר די "ברירה" אז איך קען איינטיילן די נדבה אויף קלענערע "פעימענט'ס"...

ביי די סאמע ענדע פון די אלע הארצרייסנדע דרשות, זע איך שטיין א שליח פון אונזערע מוסדות, טאקע דא אין קרית יואל, וואס איך מוז זאגן פאר זיין קרעדיט אז ער האט מיר געמאכט דאס וויניגסטע "לאך אין קאפ"...

אבער, צי איר גלייבט עס יא צי נישט, האט ער געוואונען מיין הארץ, און ער איז ארויס מיט'ן "דין קדימה", וואס דאס מיינט ביי מיר אויטאמאטיש אויך די גרעסטע נתינה.

ביטע, וואונדערט אייך נישט פארוואס. דאס האבן שוין אלע אנדערע משולחים געטאן פאר אייך... זיי האבן זיך פלוצלינג געטוישט מיט מיר. ביז דאן האב איך געהאט טרערן אין די אויגן, אצינדער האבן זיי עס באקומען...

איך האב זיי מסביר געווען קליפ-און-קלאר, אז ס'איז טאקע קיין ספק נישט, אז אלע מוסדות און צוועקן זענען הייליג און טייער, ותבוא ברכה אויף אלע חשוב'ע נותנים וועלכע נעמען אנטייל אין די וואוילטעטיגע צוועקן, ישראל קדושים נתבעים ונותנים! דאס איז באמת א געוואלדיגע זכות וואס מיר קענען נישט גענוג אפשאצן, ומי כעמך ישראל!

אבער, פונקט ווי אין אלע אנדערע זאכן אין לעבן, האט הלכות צדקה אויך דינים אין שלחן ערוך, און מען דארף זיך פירן כדת וכהלכה אפילו ווען די געפיהלן שטופן אפשר אביסל אנדערש.

יא! גערעכט, איך גיב טאקע פאר די אנדערע אויך, אבער זיי זענען די "אויך"! דאס ערשטע און גרעסטע איז דאס אייגענע מוסד, פון מיינע אייגענע קינדער, אין מיין אייגענע שטאט.

נאך אלע דרשות און ווינערייען, קום איך נאך אלץ צוריק צום עיקר העיקרים ויסוד היסודות אין הלכות צדקה, אז איך דארף דאס ערשטע זארגן אז מיינע חשוב'ע שותפים, די מלמדים און לערערינס פון מיינע אייגענע קינדערלעך און אייניקלעך, וועלכע טוען מגדל זיין מיין טייערסטע פארמעגן אויף דער וועלט, באקומען צייטליך לכה"פ זייער מינימום געהאלט וואס עס קומט זיי אזוי ערליך.

יא, איך בין ב"ה זייער צופרידן פון די געוואלדיגע רוחניות'דיגע הצלחה פון די מוסדות הק', וואס לייגן אריין אזעלכע געוואלדיגע כוחות אין מיינע קינדער. יעדן שב"ק נאכמיטאג ביים פארהערן די קינדער, טראכט איך וויפיל כוחות דאס האט געקאסט, אז זיי זאלן זאגן אזוי שיין און קלאר.

איך וויס דעם ריינעם אמת, אז מיין "שכר לימוד" דעקט נישט אלע קאסטן פון מיינע קינדער, טא, האב איך אלעמאל אזא געפיהל אז איך גיב נישט גענוג לויט וויפיל איך באקום צוריק.

נו, בקיצור, וואס דארף איך אזוי לאנג אויפהאלטן מיט פשוט'ע זאכן, צו בארשט דארף מען נישט קיינע ציין...

סיי הלכה'דיג זענען די אייגענע מוסדות אין די שטאט חשוב'ער פון אלע אנדערע צדקות, ווי ס'איז מבואר אין די פוסקים (עי' בשו"ת מנחת יצחק חלק י') אז אפילו איינער איז נישט ביכולת צו צאלן דעם "פולן" שכר לימוד פרייז פאר זיין קינד, איז ער עפ"י הלכה מחויב אויסצוצאלן פון זיין צדקה געלט (מעשר וכדומה), דעם דיפערענץ פון די ריכטיגע קאסטן פון זיין קינד, בעפאר אלע צדקות אין שטאט, וכ"ש פון אויסער די שטאט.

דעסטגלייכן איז עס א יושר'דיגע מענטשליכקייט צו געבן די ערשטע פאר די אייגענע תלמוד תורה אין די שטאט, וועלכע לייגן אריין אזויפיל כח און מח פאר אלע קינדער, פון קליין ביז גרויס, יונגלעך און מיידלעך, צוזשטעלן די בעסטע מנהלים, מלמדים און לערערינס, נא, קומט זיך זיי די ערשטע און דאס מערסטע.

פארשטייט איר שוין מיין "פוינט אוו וויו"... דאס ערשטע און מערסטע האב איך געגעבן פאר מיינע אייגענע מוסדות, - כאטש זיי האבן נישט אזוי הארציג געוויינט ווי די אנדערע. - און הערשט נאכדעם האב איך מיך געגעבן א קוק אום...

"ווער איז נעקסט"...???

# אלארמירנדע באריכט
## פון די אדמיניסטראציע אפיס

## פאקט!

### קיין דעקונג אין באנק

ווי באקאנט, האבן מיר זיך אין די לעצטע יארן שטארק אנגעשטרענגט, און אנגעווענדן אלע מיטלן צו קענען באצאלן פונקטליך אין צייט די חשוב'ע מלמדים און איינגעשטעלטע. שוין ב"ה געווען א לאנגע צייט וואס מיר האבן באוויזן ארויסצוגעבן יעדע צווייטע וואך העד-טשעקס.

אבער... אז ס'איז נישטא קיין גאזאלין וויאזוי זאל די באן פארן???

מיר האבן יעצט אינדרויסן טשעקס פון שווערע הונדערטער טויזנטער דאלאר, אבער אן דעקונג! מ'לויפט ארום, מ'פראבירט זיך אנצובארגן, מ'דרייט אהין און אהער, אבער ס'איז פשוט א כאאס, וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען! ס'געדענקט זיך זעלטן אזא זאך אין די פארגאנגענהייט, אז א טשעק פון אונזערע מוסדות זאל צוריקקומען און קראכן, אבער היינט איז עס ליידער א מציאות!

סך הכל זענען "איבער א מיליאן דאלאר" פעיראל טשעקס יעצט אינדרויסן, וואס צוליב דער קאטאסטראפאלער מצב איז נישטא קיין דעקונג דערויף, און אין צוגאב זענען מיר שוין שולדיג 3 חדשים פאר די טיטשערס אין ווערד פון סך הכל א "דריי פערטל מיליאן דאלאר", און מיר קענען פשוט נישט באצאלן! ס'איז נישטא מיט וואס!

## די סיבות!

### 1) אנגעזאמעלטע דעפיציטן

ווי מיר האבן שוין באריכטעט פלאגט זיך די מוסדות שוין לאנגע יארן מיט "אנגעזאמלטע דעפיציטן", וואס בלייבט איבער יעדעס יאר, ווען מיט וואס א יאר מער קומט צו א פרישע דעפיציט בשעת די פריערדיגע ווערן נישט אפגעווישט און דער לאך ווערט נאר גרעסער און גרעסער.

דער פראבלעם איז שוין אן אלטע, אבער אמאל אין די גוטע עקאנאמישע צייטן, האט מען כאטש געקענט אביסל דרייען אהין און אהער; מ'איז ארומגעלאפן בארגן גרויסע הלוואות, פארשאפט גרויס געלט פון עשירים, וכדו', און אזוי האט מען עס כאטש געקענט האלטן אביסל קאנטראל און מ'האט ווייטער געקענט פירן דעם ריזן ווירטשאפט פון די אנייגענדע בודזשעט און הוצאות.

### 2) די הכנסות זענען געפאלן

היינט האלט עס ביי א מצב פון "באו מים עד נפש", ס'איז א קאטאסטראפע במלוא מובן המלה!

די דעפיציטן וואקסן ווייטער און אין די זעלבע צייט פאלן ליידער שרעקליך די הכנסות, נו זאגט איר אליין היאך יתקיימו שניהם??? דיביידע זאכן גייען נישט צוזאמען. אין רעזולטאט פארט עס בהכרח ארויס פונעם קאנטראל און ברענגט ליידער א שרעקליכע פינאנציעלע צוזאמענבראך וואס האט נאך קיינמאל בעפאר אזוי באטראפן די הייליגע מוסדות!

אין די לעצטערע יארן זענען ליידער איבערגעבליבן ריזיגע דעפיציטן, סיי צוליב

**לעצטע ציפערן:**

**שכר לימוד אינדרויסן:**
**איבער 2 מיליאן דאלער**

**פארלוירענע הכנסות:**
שמחה זאלן (קלענערע שמחות און חתונות)
שטאטישע פראגראמען
דינער נדבות - ועד הקרי'
**איבער 2 מיליאן דאלער**

**טשעקס וואס ליגן אינדרויסן אוןווארטן אויף דעקונג**
**איבער 1.7 מיליאן דאלער**

די העכערע קאסטן פון אלע סופלייס און עסנווארג וכדו' און סיי צוליב די רעדוצירטע הכנסות לאור המצב הקשה, ווי אויך האט די רעגירונג געשניטן פראגראמען און מיר האבן פארלוירן הכנסות פון די זאלן, אזוי אז אלעס צוזאמען האט צוגעברענגט סך הכל צו איין גרויסע אנגעזאמעלטע דעפיציט פון עטליכע מיליאנען דאלאר! און דער מצב פון די מוסדות איז פשוט באדראעט! ס'רואינירט דעם גאנצן אפיס ווירטשאפט!

## 3) רעדוקציע שכר לימוד הכנסות

ווי געשריבן אין אן אנדערן ארט אינעם הייינטיגן מוסדותינו, איז די הכנסה פון שכר לימוד רעדוצירט געווארן מיט איבער א האלב מיליאן דאלאר, אין פארגלייך צום רעגיסטראציע וואס האט זיך געענדיגט פארגאנגענעם יאר אין די זעלבע צייט.

דאס איז אויסער דעם וואס פאראיאר איז עס שוין אויך געווען פיל ווייניגער ווי מיט צוויי יאר, ווייל דער מצב הפרנסה ביי פילע עלטערן ווערט ליידער שווערער און שווערער.

# דערלייכטערונגען...

## 1) יונגל קעמפ אין ראונד טאפ

עפעס א שטיקל דערלייכטערונג איז כאטש היי-יאר אריינגעקומען, נאכדעם וואס מיר האבן זיך יעצט געשפארט א פערטל מיליאן דאלאר פון דארפן עפענען און צורישן דעם יונגל קעמפ אין ראונד טאפ, וואס ווי באקאנט פלעגט דאס ברענגען יעדעס יאר שרעקליכע גרויסע הוצאות, און היי-יאר האבן מיר דאס ב"ה באוויזן איינצושפארן נאכדעם וואס מ'האט ב"ה מסדר געווען אז די יונגלעך זאלן קענען גיין אין מחנה בית רחל, בעפארן באניץ פאר די מיידלעך.

## 2) זומער טראנספארטאציע

היי-יאר האט מען צום ערשטן מאל אויפגעפאדערט די עלטערן צו באצאלן פאר די טראנספארטאציע וואס מ'שטעלט צו פאר די יונגלעך און מיידלעך במשך די זומער חדשים, וואס דאס ווערט נישט באצאלט דורך די רעגירונג. יעדעס יאר זומער פלעגט מען צוליב דעם דערלייגן געלט, און היי-יאר האבן די עלטערן פארשטאנען דעם פארלאנג און מיט פארשטענדעניש באצאלט דעם פארלאנגטן פרייז. דאס האט עטוואס פארגרינגערט דעם שווערן עול.

אבער ווי געזאגט איז עס בלויז א 'שטיקל' דערלייכטערונג, דאס הייסט אז נישט פשט אז ס'האט געראטעוועט דעם מצב און עסטאבליזירט דעם פינאנציעלן ווירטשאפט, נאר אויך אזויפיל האט עס אויפגעטועט אז דער מצב איז ב"ה כאטש נישט נאך ערגער געווארן.

# סוף דבר:

**צוליב די אנגעזאמלטע דעפיציטן פון יארן לאנג (וואס ווערט נישט קלענער פון זיך אליינס), און אין צוגאב צו די פארלוירענע הכנסות, רעדוצירטע נדבות און דראסטישע רעדוקציע אין שכ"ל הכנסות, געפינען מיר זיך ליידער אויפ'ן שוועל פון א**

# פינאנציעלן קראך!!!

**עס איז דער חובת השעה פון אלע עלטערן און אנ"ש זיך אנצושטרענגען בכל היכולת און נושא בעול זיין אויף סיי וועלכן אופן וואס נאר מעגליך, כדי די מוסדות הק' פון אונזערע אייגענע קינדער און דורות, זאלן חלילה נישט גענצליך צוזאמברעכן ח"ו!**

## עשה למענך! למען חינוך בנינו ודורותינו!

# פארענדיגונג פון נייע "בית רחל" געביידע ווערט נענטער און נענטער

## - גרויסע געלט סכומים פעלט זיך נאך אויס אנצוקומען צום "השלם זה הבנין" -

מען דארף נישט האבן קיין גענויטע שרייבער צו באריכטן אז די בוי-ארבעט ביים נייעם בנין הבית רחל אויף בעיקערטאון רוקט זיך מיט וואס א טאג נענטער; דאס איז א פאקט וואס יעדער דורכגייער און דורכפארער קען אליינס באמערקן טאג טעגליך.

אריבערגייענדיג אין די טעג דעם נייעם פראכטפולן בנין, קען מען זיך שוין "שפיגלען" אין דעם געביידע, נאכדעם וואס מ'האט לעצטנס געענדיגט אריינצולייגן די פענסטערס אין אלע קלאסן.

דער נייער בית רחל געביידע איז א הערליכער גרויסער בנין פון 4 גרויסע שטאקן מיט א בעיסמענט, וואס וועט איניינעם אקאמאדירן אי"ה 34 פרישע קלאסן לחינוך הבנות מיט בערך 1,000 תלמידות כ"י בליעה"ר, אריינגערעכנט אויך צווי גרויסע הרחבה'דיגע עס-זאַלן, א גרויסע רחבות'דיגע קאך, און אפיסעס פאר די הנהלה רוחנית.

אין א שמועס מיט'ן בויער פון די געביידע, הרה"ח ר' אביגדור ראזענבערג הי"ו, און זיין זון מו"ה משה נתן הי"ו, גיבט ער אונז איבער א באריכט וואו עס האלט מיט די בוי ארבעט.

### אינדרויסן:

פון אינדרויסן איז שוין די געביידע גענצליך פארטיג. די פענסטערס זענען שוין אריינגעשטעלט געווארן, די דרויסנדיגע ציגל און די "סטאקאו" איז שוין געלייגט געווארן, בלויז די טירן זענען נאכנישט אינסטאלירט געווארן און די טרעפ זענען נאכנישט פארטיג.

### אינעווייניג:

דער דאך איז שוין געמאכט געווארן; די טיילס פון די ביה"כ איז שוין געלייגט געווארן; די "ראפינג" פאר די פלאמבינג איז שוין געצויגן געווארן; די ווייערס פאר די לעקטער איז שוין געצויגן געווארן; און אין די קומענדיגע וואכן וועלן אנקומען די טירן פאר'ן געביידע

די אויבערשטע שטאק פונעם געביידע האלט מען אצינד אינמיטן פעינטן, און ווען מ'ענדיגט דעם אויבערשטן שטאק וועט מען פעינטן די אונטערשטע שטאקן

### עלעוועיטארס:

די ארבעט צו אינסטאלירן דעם עלעוועיטאר איז צייטווייליג אפגעשטעלט געווארן, נאכדעם וואס די הנהלה האט נישט געהאט מאמענטאל קיין געלט צו באצאלן פאר די קאמפאני וואס אינסטאלירט דאס. עס דארף צו קאסטן נאנט צו $50,000 בלויז צו קענען אנהייבן די ארבעט.

דער עלעוועיטאר איז זייער א וויכטיגע טייל פונעם געביידע, ווייל אן דעם קען מען נישט באקומען קיין "סי או או" פאר'ן בנין, ווי אויך קען מען עווענטועל נישט באקומען קיין שטאטישע הילף פאר די תלמידות אין דעם געביידע, ווילאנג דער עלעוועיטאר ווערט נישט פארטיג.

### סוער ליינס:

די ארבעט פון ציען די "סוער ליינס" איז צעטיילט אין צווי, וואס אויף יעדן חלק באזונדער דארף מען האבן א פערמיט פון די קאונטי. דער ערשטער חלק באשטייט פון באהעפטן צווי גרויסע רערן צום הויפט סוער סיסטעם, וואס אויף דעם האט די הנהלה שוין באקומען דעם פערמיט און די ארבעט וועט געמאכט ווערן אין די קומענדיגע טעג. עס דויערט צווישן 1-2 וואכן דאס צו ענדיגן.

דערנאך קומט די צווייטע חלק פון באהעפטן די רערן פונעם געביידע צו די 2 גרויסע רערן, וואס אויף דעם דארף מען האבן א באזונדערע פערמיט פון די קאונטי. די קאונטי וויל ניטאמאל באטראכטן די פערמיט אפליקאציע ווילאנג די ערשטע חלק פון די ארבעט ווערט פארטיג, און דערפאר האט מען נישט געקענט פון פריער אריינגעבן דעם פערמיט אפליקאציע.

נאכ'ן אריינגעבן די אפליקאציע פאר'ן צווייטן חלק, קען דויערן צווישן א וואך ביז עטליכע חדשים ביז די קאונטי באשטעטיגט דעם פערמיט, און דאן דויערט ארום 2 וואכן צו פארענדיגן די ארבעט. דאס איז דערווייל די איינציגסטע אפהאלטן פון קענען פארענדיגן די געביידע.

### פארשידנס:

נאכ'ן ענדיגן פעינטן די גאנצע געביידע, וועט מען אינסטאלירן די עירקאנדישאן יוניטס אינדרויסן און אינעווייניג אינעם געביידע, וואס דאס אליינס וועט קאסטן איבער א האלב מיליאן דאלאר.



ווי אויך וועט מען דארפן אפהאקן די לעקטער פון די אלטע געביידע און דאס פריש באהעפטן צו א נייע טראנספארמער, וויבאלד איין עלעקטריק שטאנג וועט דארפן אראפגענומען ווערן.

צום לעצט קומט די טיילס אין די קלאסן, די הארדוועיר, טירן וכדומה, וואס דאס איז דער לעצטער שריט בעפאר דער בילדינג איז גרייט צו עפענען אירע טויערן און אריינעמען די קינדער בשעטומ"צ.

## עד מתי?

אבער וואס ס'וועט אייך זיכער עגבערן אין מוח איז: כולי האי למה? פארוואס זאל עס נעמען אזוי לאנג, דארף דען געדויערן אזויפיל יאר אויפצובויען א בנין אין קרית יואל? מ'האט דאך שוין אזוי לאנג צוריק אנגעהויבן, פארוואאס קען מען זיך נישט צואיילן, דער דחקות איז דאך איום ונורא! עד מתי? ווילאנג נאך וועט דאס נעמען ביז צום גליקליכן יום פתיחת שערים וחנוכת הבית?

יא איר זענט הונדערט פראצענט גערעכט! ס'איז טאקע א גוטע קשיא. אויך מיר פרעגן די זעלבע!

דער ענטפער איז: אמת, דער דחקות איז טאקע געוואלדיג גרויס, ס'איז א הארץ ווייטאג צוקוקן, וויאזוי צענדליגער קלאסן (הונדערטער תלמידות) זענען בלית ברירה פלאצירט אין פארשטופטע טרעילארס, בעיסמענטס און אין קארידארן, וואו די לימודים גייען אן אונטער אומבא'טעמ'טע אומשטענדן. אמת, מ'האט שוין לאנג צוריק אנגעהויבן צו לעזן דעם פראבלעם, און מ'קוקט טאקע מורא'דיג שטארק ארויס דערויף, אבער די איינציגסטע צוריקהאלט איז נאר "מאנגל אין געלט".

כדי ס'זאל קענען צושטאנד קומען וואס שנעלער, פאדערט זיך נאך אסאך געלט און הילף פונעם גאנצן ציבור.

## הודאה ובקשה:

עס קומט זיך א דאנק פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו, וועלכע האבן זיך שוין אנגעשלאסן אינעם "קרן הבנין קאמפיין", איינזעענדיג די וויכטיגקייט און יושר צו העלפן בויען א געביידע וואו זייערע אייגענע קינדער און אייניקלעך וועלן אי"ה נתחנך ווערן ליראת שמים ולמדות טובות.

**אבער די הויט ברענט, דער ענגשאפט שטייגט לײדער מער און מער, און ס'קען אזוי ווייטער נישט אנגיין. עס פאדערט זיך נאך אסאך געלט און הילף פונעם גאנצן ציבור.**

די הנהלה האט אריינגעלייגט די מאקסימום כוחות צו פארשאפן וואס מער הילף פון גרעסערע נדבנים, אבער ווי די הנהלה זאגט גייט די ארבעט זייער פאמעליך און ס'דויערט פיל לענגער ווי געפלאנט, אלעס צוליב א מאנגל אין געלט. יא, די בוי-ארבעט גייט טאקע אן, אבער מ'קען נישט אנגיין אויף אזא שנעלן טעמפא, פשוט ווייל ס'איז נישטא קיין געלט.

אפילו נאך אלע נדבות פון די גרעסערע נדבנים, דארף מען נאך שאפן א ריזן סכום, אבער אם אין כסף, בנין מנין? וויאזוי קען מען בויען אז ס'איז נישטא קיין געלט צו באצאלן? און דער טרוקענער סך הכל איז, אז ס'איז נישטא קיין געלט קען מען נישט עפענען דעם נייעם בנין אזוי שנעל!

ווי כסדר געמאלדן איז דער פלאן געווען אז דער בנין זאל שוין זיין פארטיג אויפ'ן פארלאפענעם שולע-יאר, אז די קינדערלעך זאלן קענען אנהייבן דעם נייעם יאר מיט א הרחבת הדעת און שמחה, אבער למעשה האט מען מיט ווייטאג געדארפט איבערגעבן דעם אומאנגענעם בשורה, אז די קינדערלעך קענען דערוויל נאכנישט זוכה זיין צו דעם, נאר זענען לײדער געצווינגען ווייטער צוריקצוגיין צו זייערע לעכער און לערנען אונטער שווערע אומשטענדן, "פשוט ווייל ס'איז נישטא די געלט און מעגליכקייט צו קענען פארטיגן און עפענען דעם נייעם בנין".

אצינד האלט מען שוין כמעט ביים פרישן שולע-יאר, און וואס וועט דא זיין? וועט מען זיצן נאך א יאר בתוך הדחק?

## דרינגענדע רוף:

עס איז נישטא קיין אנדערע ברירה, נאר ארויסקומען מיט אן אלארמירנדן רוף צו די חשוב'ע עלטערן פון די קינדער, אז מ'זאל רחמנות האבן אויף די אייגענע קינדער וואס געפינען זיך אגאנצן טאג אונטער אומדערטרעגליכע שווערע דחקות, און די וואס האבן זיך נאכנישט משתתף געווען זאלן זיך יעצט משתתף זיין מיט גרעסערע איינמאליגע געלטער אין דעם גאר וויכטיגן "קרן הבנין קאמפיין", כדי מ'זאל קענען איינמאל פאר אלעמאל ענדיגן וואס פריער דעם געביידע, און ארויסנעמען די קינדער פונעם שווערן לחץ וואס קען האבן אן אפעקט אויף זייערע לימודים און פארשריט.

עס איז איבריג צו זאגן, אז מיט'ן נעמען א חלק אין דעם בנין, קויפט מען זיך איין א חלק נצחי אין חינוך בנות ישראל על טהרת הקודש, וואס וועט בלייבן לדורות עולם, דאס הייסט אז נישט נאר וואס מ'טוט א טובה פאר די קינדער און אייניקלעך במשך די צייט וואס זיי וועלן זיך געפינען צווישן די ווענט פון "בית רחל", נאר ס'איז א טובה און א זכות נצחי וואס וועט באגלייטן דעם נדבן און די גאנצע משפחה עד ביאת הגואל.

אין יעדע "אמן", יעדע "ברכה", יעדע תפילה, יעדע לימוד וחינוך און התעלות פון די תלמידות וואס וועט ארויסקומען פון צווישן די פיר ווענט, פאר וועלכע מ'האט זיך אנגעשטרענגט און געהאט א חלק, וועט גיין אויפ'ן קרעדיט פונעם נדבן ולזכותו עדי עד.

עס איז צו ערווארטן אז דער זעלבער ציבור וואס זענען אן אדרעס פאר יעדן דבר שבקדושה אין די גאנצע וועלט, שענקענדיג פאנטאסטישע און אסטראנאמישע סומעס פאר יעדן עסקן וואס קומט נאר קיין קרית יואל, וועלן אוודאי נישט איגנארירן די אייגענע מוסדות ווי זייערע קינדער ווערן נתחנך און צוזעהן ווי מדי חודש בחדשו ווערט ערגער דער מצב מיט יעדע פרישע קלאס וואס קומט צו ב"ה.

דערפאר בעט מען אז מ'זאל זיך אנשליסן מיט'ן סכום פון לכה"פ 1,800$, און עס איז צום האפן אז יעדער וועט זיך משתתף זיין און קיינער וועט נישט זיין קיין פורש מן הציבור.

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין.



די אויבערשטע שטאק ווערט שוין אויסגעפלאסטערט
(די ארבעט ווערט געטון דורך אייגענע ארבייטער אנגעפירט דורכן
מענידזשער ר' מענדל לעגראוויטש הי"ו)

## פון תמוז תשס"ט ביז תמוז תש"ע:

# פרישע לאָך פון "האלב מיליאן דאלאר" אין שכר לימוד הכנסות פלאגט שרעקליך די מוסדות הק'

**אין די יעצטיגע טעג ווען ס'האט זיך געענדיגט די "רעגיסטראציע" פון די מוסדות, הערט זיך אין די קארידארן פונעם "שכר לימוד אפיס" שטילע קרעכצן, פון די הנהלה און איינגעשטעלטע וועלכע דערזעען זיך מיט א לאָך פון איבער א האלב מיליאן דאלאר אין די שכר לימוד הכנסות, אין פארגלייך צום רעגיסטראציע וואס האט זיך געענדיגט פארגאנגענעם יאר אין די זעלבע צייט.**

דער פרישער געשאפענער לאך פון איבער א האלב מיליאן דאלאר פון די שכר לימוד רעדוקציעס, אין צוגאב צו דעם יערליכן דעפיציט, באדראעט דעם עקזיסטענץ און הרחבת הגבולים פון די מוסדות הק'.

ביים לעצטן רעגיסטראציע איז אריינגעקומען איבער א האלב מיליאן דאלאר ווייניגער בלויז פון שכר לימוד הכנסות, וואס א שטארקע סיבה דערצו איז, צוליב וואס פילע עלטערן, מיטל-קלאס פארדינער, פלעגן אמאל קענען צאלן די געהעריגע באשטימטע פרייזן און דערצו אויף א קביעות'דיגן פונקטליכן אופן, אבער צוליב דעם שווערן מצב הפרנסה זענען זיי שטארק צוריקגעבליבן, און טייל זענען גאר אראפ צו א מינימום, און געוויסע צו אזא מצב אז אנדערע דארפן גאר באצאלן זייער שכר לימוד... אבער ליידער קומען נישט אריין גענוג 'בני עניים ספאנסערס', צו דעקן די נייע צוגעקומענע בני עניים.

דאס אפעקטירט זייער שטארק דעם פינאנציעלן ווירטשאפט פון די מוסדות, ווען אנשטאט צו זיין פארנומען מיט שאפן הכנסות און אנפירן די טאג טעגליכע ווירטשאפט, לויפט מען ארום טאג און נאכט צו בארגן און דרייען מיט געלט, כדי צו קענען דעקן די באנק אקאונטס און באצאלן די בעלי חובות, און די גאנצע ווירטשאפט ווערט פשוט רואינירט.

דער מצב האלט אזוי ווייט, אז צוליב מאנגל אין געלט האט מען לעצטנס געדארפט שניידן פארשידענע הילף און תיקונים למחצה ולשליש ולרביע, וואס איז ליידער א שטער פאר די אייגענע קינדער און אייניקלעך!

עשה למען תינוקות של בית רבן!

# עלטערן נעמען אויף מיט פארשטענדעניש נייע "זומער טראנספארטאציע אפצאל"

מיט קענטיגע פארשטענדעניש האבן די עלטערן אויפגענומען דעם מעלדונג פון די הנהלה, איבער די נייע "זומער טראנספארטאציע אפצאל", וואס איז געמאלדן געווארן פאר די עלטערן אין די פארגאנגענע וואכן.

ווי באקאנט, איז איינס פון די גרויסע הוצאות פונעם בודזשעט, די "טראנספארטאציע" במשך די זומער חדשים, וואס ווערט נישט געדעקט דורך די רעגירונג. (דאס איז אין צוגאב צו די פארשידענע גאנציעריגע טראנספארטאציע קאסטן וואס די רעגירונג באצאלט נישט, ווצ.ב.ש. די ביינאכט שעה'ן פאר מתמידים, פאר אלע קינדער פון נורסערי קינדערגארטן און פרי--1עי, זונטאג'ס און להבדיל גוי'שע חגאות, א.א.וו.) וואס אט די הוצאה פון 'טראנספארטאציע' שאפט סך הכל א לאך פון איבער אכט הונדערט טויזנט דאלאר א יאר.

באמת טוט דער פראבלעם שוין לאנג עגבערן פאר די הנהלת המוסדות, און עס איז נישט מער ווי יושר אז די חשוב'ע עלטערן שיחיו זאלן צוהעלפן צו באצאלן די טראנספארטאציע קאסטן פון די זומער חדשים, וואס די מוסדות האבן נישט קיין שום דעקונג דערויף, אזוי ווי עס איז איינגעפירט אין אנדערע מוסדות הק'. דאך האט די הנהלה זיך אנגעשטרענגט נישט צו באלאסטיגן דעם ציבור מיט א טראנספארטאציע אפצאל, און זיי האבן געצויגן יאר נאך יאר מיט די גרויסע הוצאה, פרובירנדיג אליינס אויף אלע וועגן צו דעקן דעם לאך.

אבער צוליב דעם אויסטערלישן שווערן מצב היינט צו טאג, האט מען עס מער נישט געקענט דערהייבן, ס'איז געווארן א מצב פון "באו מים עד נפש" און די הנהלת המוסדות האט מער נישט געקענט מוותר זיין אויף די גרויסע טראנספארטאציע הוצאה אין די זומער חדשים, וואס די חשוב'ע עלטערן שיחיו האבן זיך ביז היינט איינגעשפארט.

דעריבער איז די הנהלת המוסדות געצווינגען געווארן צו רעכענען א מינימאלע "טראנספארטאציע אפצאל", פון $25 א חודש פער קינד, סיי אין תלמוד תורה און סיי אין בית רחל, פאר די צוויי זומער חדשים, כדי צו מינימיזירן די זומער-טראנספארטאציע הוצאה וואס ליגט אויף די פלייצעס פון די הנהלה.

אלס א דוגמא האט די הנהלת המוסדות באטאנט, אז די "דעי-קעמפ אפצאל" וואס מ'צאלט פאר די מיידלעך, דעקט בכלל נישט די הוצאה פון "טראנספארטאציע", און בכלל דעקט עס בלויז א קליינער טייל פון די ריכטיגע קאסטן פון די דעי-קעמפ אקטיוויטעטן. עס ווערט אנגעוויזן, אז פילע אנדערע היימישע מוסדות בעטן היינט פאר 'דעי קעמפ' מער ווי דאפעלט ווי אין קרית יואל! אין קרית יואל בעט מען $120 א גאנץ זומער און $70 האלב זומער, בשעת די אנדערע מוסדות בעטן מינימום $250 און העכער. דאס איז אויסער די שכר לימוד וואס מ'צאלט פאר א גאנץ יאר, צעטיילט אויף אלע 12 חדשים.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן דורך די הנהלה, איז די נייע העכערונג אויפגענומען געווארן מיט שטארקע פארשטענדעניש, און עלטערן האבן איינגעזען ווי ריכטיג עס איז אז אינעם היינטיגן שווערן מצב פון די מוסדות הק' מוז מען איינקאסירן כאטש א חלק פון די טראנספארטאציע קאסטן וואס די ישיבה האט נישט קיין דעקונג דערויף, בפרט אז מ'האט נאר געבעטן פון די עלטערן א מינימום אפצאל, וואס קומט בכלל נישט צו צום ריכטיגן פרייז וויפיל די טראנספארטאציע קאסט אפ.

# "מחנה בית רחל" שפרידלט מיט רייבע אקטיוויטעטן פאר די תלמידות שתחי'

פארגאנגענעם מיטוואך האט "מחנה בית רחל" געעפנט אירע טויערן פאר די נאנט צו פופצן הונדערט אידישע טעכטער וואס זענען געקומען צו פארן פון אלע געגענטער איבער ניו יארק, מיט'ן ציל צו ווײלן איבער'ן זומער אין "מחנה בית רחל", און הונדערטער תלמידות פון קרית יואל זענען אפגעפארן אין קעמפ אין א גוטע שעה.

אסאך שווערע כוחות און גאר גרויסע געלט סכומים האט די הנהלה אריינגעלייגט היי-יאר אינעם קעמפ, אז זי זאל קענען אהערגעשטעלט ווערן צו אלעמענס צופרידנהייט, ובפרט נאכדעם וואס באמת איז שוין דער קעמפ אריבער איר ערשטער גלגול ווען זי האט די ערשטע עטליכע וואכן געדינט אלס א יונגל קעמפ, ווען אריבער טויזנט ילדי תשב"ר און בחורי חמד האבן דארט געוויילט.

די אלע פראגראמען, סדרי הלימודים און די אקטיוויטעטן זענען באלד אריינגעגאנגען אין סיסטעם, ווען די צענדליגער איינגעשטעלטע פירן אויס זייערע פליכטן אויפ'ן בעסטן פארנעם, די תלמידות שטעלן זיך צו און שעפן א פארגעניגן יעדע מינוט ווײלנדיג אין דעם הערליכן צוגעשטעלטן קעמפ, און דער באן פארט ב"ה אויף די גלייכע שינעס צו אלעמענס צופרידנהייט.

די הנהלה רוחנית און די גשמיות אדמיניסטראציע הערן צוריק זייער גוטע גריסן פון די עלטערן, וואס געבן איבער איבער די צופרידנהייט פון די קינדער, דאס גיט זיי דעם מוט און חיזוק ווייטער צו טון און ארבעטן פאר'ן הצלחה און סוקסעס פונעם קעמפ.

 פינאנציעלע נייעס'ן פינאנציעלע נייעס'ן

# הנהלה אובד עצות איבער לחץ זו הדחק אין ת"ת "בניני ווידער-פאלאטשעק"

די הנהלת המוסדות שטייט אצינד אובד עצות און ווייסט נישט וואס צו טון איבער דעם מאנגל אין פלאץ וואס הערשט אין תלמוד תורה "בניני ווידער-פאלאטשעק" אויף די רימנוב גאס.

ווי באריכטעט אינעם פריערדיגן "מוסדותינו", הערשט א געפערליכע מאנגל אין דעם בנין, וואס נעמט היינט אריין איבער 825 קינדער קע"ה, פון כיתות ו' ז' ח' און ט'.

דער בנין איז געבויעט געווארן מיט 20 יאר צוריק, און מיט יעדעס יאר וואס ס'גייט אדורך ווערט דער בנין איינגעשרימפן. אין אנפאנג זענען נאך געווען ליידיגע כיתות, אבער מיט יעדע פרישע יאר איז דער בנין מער און מער אנגעפילט געווארן מיט פרישע קינדער און פרישע קלאסן.

הגם וואוקס איז א נאטורליכע זאך אין א מוסד, ובפרט ביי אונז אין קרית יואל כ"י, האט מען זיך אבער נישט געכאפט ווי שנעל די צאל קינדער וואקסן, און פלוצלינג האט מען זיך דערזען אז ס'איז מער נישטא קיין פלאץ פאר פרישע קלאסן אין דעם בנין.

ווי שוין געשריבן אינעם פאראנגאנגענעם נומער, קומט פון דעם ארויס פארשידענע זייטיגע פראבלעמען, און דער איבערגעפולטקייט פארדרייט דעם גאנצן סדר פון פרישטאג און לאנטש, אין צוגאב צו אנדערע פראבלעמען.

אויף קומענדיגן יאר ווערט ערווארטעט אז ס'וועט צוקומען נאך צווי קלאסן אין די כיתות ו' און ז', און דערווייל איז נישטא קיין קלארער פלאן וואו די קלאסן וועלן פלאצירט ווערן, וויבאלד אלע כיתות זענען שוין פארנומען.

יעצט האלט עס ביי דעם אז דער בילדינג איז ממש איבערגעפולט ביז צו איר מאקסימום, און ס'איז נאכנישט קלאר וויאזוי מ'וועט זיך אן עצה געבן קומענדיגן יאר.

איינע פון די פלענער וואס ליגט אויפ'ן טיש, איז אוועקצונעמען די קלאסן פון "חדר עזרה" וואס געפינט זיך אינעם אונטערשטן שטאק פון דעם געביידע, וואס דאס איז יעצט צעטיילט אין 3 קלענערע קלאסן און מ'וועט דאס פארוואנדלען אין איין גרויסע קלאס. די הנהלה פון "חדר עזרה" איז שטארק דערקעגן, ווייל פאר'ן תועלת פון די קינדער פעלט זיך אויס אז די כיתות זאלן זיך געפינען אינעם זעלבן בנין וואו די איבריגע קינדער כמובן, און אויב זאל מען ארויסנעמען די "חדר עזרה" כיתות און זיי אריינשטעלן אין זייטיגע טרעילארס, וועט דאס שטארק אפעקטירן זייער עתיד.

אויך איז דא א "סטארעדזש" צימער וואס געפינט זיך אונטער דער ערד און האט נישט קיין פענסטערס, וואס איז זעלבסטפארשטענדליך נישט געאייגנט פאר א קלאס מיט קינדער, אבער בלית ברירה וועט מען אויפגראבן די ערד ארום דעם צימער און אינסטאלירן דארט א פענסטער; א פראצעדור וואס קאסט אסאך געלט אבער איז פארט ביליגער און שנעלער ווי בויען א נייעם בנין...

דער פראבלעם איז שוין מער ווי איין מאל באהאנדלט געווארן ביי די זיצונגען צווישן די הנהלה גשמית און די הנהלה רוחנית פון די מוסדות, אבער דערווייל איז מען נאכנישט געקומען צו א באשלוס וואס צו טון דערוועגן. א נייער בנין וועט אריינשלעפן אין פרישע ריזיגע הוצאות, וואס די הנהלת הישיבה זעהט נישט דערווייל קיין שום אויסוועג פון וואו צו פארשאפן דאס געלט.

דער פינאנציעלער מצב פון די מוסדות איז אזוי שווער, אז דאס אונטערנעמען צו בויען א פרישע געביידע זעהט דערווייל אויס ווי א ריזיגער עול און משא, וואס בדרך הטבע זעהט זיך נישט קיין אויסוועג וויאזוי דאס זאל קענען צושטאנד קומען.

אין די טעג גייען אן ווייטער די פלאנירונגען וויאזוי צו לינדערן דעם מאנגל אין פלאץ אין דעם געביידע.

# רענאוואציעס אין בנין פון ישיבה "עצי חיים" אפגעשטופט צוליב מאנגל אין פאנדן

עס איז ווייטאגליך צוצוקוקן אז א גאר וויכטיגע רענאוואציע ארבעט וואס דארף דורכגעפירט ווערן אינעם בנין "עצי חיים" אויף די רימנוב גאס, ווערט אפגעשטופט צוליב א מאנגל אין געלט.

שוין עטליכע יאר וואס דער פונדאמענט ביי איין זייט פונעם געביידע האט אנגעהויבן צו צעפאלן, און דער גאנצער "דרענידזש סיסטעם" וואס לויפט דארט איז געווארן שטארק פראבלעמאטיש.

יעדעס מאל וואס ס'רעגנט, אדער אפילו ווען ס'איז שטארק הייס און די וואנט 'שוויצט', רינט אריין וואסער, און דער ערד אינעם לאנטש-רום ווערט נאס.

איבערצומאכן און פאררעכטן דעם וואנט דארף אפצוקאסטן איבער 15,000 דאלאר. שוין עטליכע יאר וואס עס פארלאנגט זיך צו פאררעכטן דעם פראבלעם, אבער דאס ווערט כסדר אפגעשטופט צוליב מאנגל אין געלט.

ווי עס ווערט איבערגעגעבן פון די מענעדזשמענט פונעם געביידע, האט די פעינט אינווייניג אויף יענעם וואנט זיך אנגעהויבן צו שיילן, וואס דאס מיינט אז מ'וועט ווי פריער דארפן פארשאפן די פאנדן און אנהייבן די ארבעט, בעפאר דער מצב ווערט ערגער.

ווי אויך האט אין די פראגאנגענע חדשים געקראכט א בוילער אין דעם בנין, און ס'איז גענצליך צוגרונד געגאנגען. דער בוילער וועט דארפן ערזעצט ווערן אויפ'ן קומענדיגן ווינטער זמן.

# קורצע נאטיצן... פון די מענעדזשערס קוק וואונקל

## נייע "גארבידזש קאמפעקטארס" אינסטאלירט

די הנהלת המוסדות האט לעצטנס אונטערגענומען אן איניציאטיווע צו ערזעצן די געווענליכע "גארבידזשע קאנטעינארס" אינדרויסן פון עטליכע בנינים, מיט "גארבידזש קאמפעקטארס", דאס איז א טעכנאלאגיע וואס צעדרוקט די מיסט אויפ'ן פלאץ און מ'דארף עס קומען אויסליידיגן בלויז איינמאל אין עטליכע וואכן.

דער שריט איז געקומען נאכדעם וואס דער ביז-יעצטיגער קאנטראקט מיט די "וועיסט מענעדזשמענט" קאמפאני איז שוין אפגעלאפן, און מ'האט אנגעהויבן צו צאלן זייער טייער פאר'ן אויפנעמען די מיסט.

די קאמפעקטארס ווערן אינסטאלירן דורך די "וועיסט מענעדזשמענט" קאמפאני, און זיי וועלן ווייטער פארפיגן דערויף, נאר מ'וועט צאלן פיל וויינציגער ווי ביז היינט, און די הנהלת המוסדות וועט זיך שפארן אסאך געלט יעדן חודש.

ווי אויך האט דאס פארשידענע אנדערע זייטיגע מעלות. צב"ש ביז היינט פלעגן פרעמדע מענטשן אריינווארפן מיסט אין די גארבידזש קאנטעינארס, און די מוסדות האבן געצאלט דעם פרייז דערפאר. אבער פון יעצט און ווייטער וועלן קיין דרויסנדיגע מענטשן נישט האבן קיין צוטריט דערצו. ווי אויך איז דאס בעסער פאר די לופט, אז דאס פלאץ ארום זאל זיין ריין און זויבער.

באזונדער פלעגן מענטשן מאכן פייערס וכדומה און מ'האט געשעדיגט די דעקלעך, און די מוסדות האבן שוין עטליכע מאל באקומען א געלט-שטראף פון די העלט דעפארטמענט. פון היינט און ווייטער וועט דאס אי"ה מער נישט קענען פאסירן.

## זומער וואכן אויסגענוצט פאר רענאוואציע פראיעקטן

די צווייטע און א האלב וואכן ווען די יונגלעך פון כיתות ו'-ט' זענען געווען אין קעמפ, האט דער מענעדזשער פון די געביידע תלמוד תורה ביניני ווידער-פאלאטשעק, הר"ר בצלאל באש הי"ו, אויסגענוצט די געלעגנהייט צו פארריכטן פארשידענע קלייניגקייטן וואס מ'קומט נישט אן דערצו במשך'ן יאר.

און ווען די תלמידים זענען צוריקגעקומען בשעטומ"צ, איז דער געווענליכער ארבעט גלייך צוריק אריין אין שוואונג...

## קרוב צו 'א מיליאן אייער' אין איין בנין...

רעדנדיג מיט'ן מענעדזשער ר' בצלאל באש הי"ו, מאכט ער א חשבון, אז אין די לעצטע 8 יאר זינט ער איז דער מענעדזשער פון תלמוד תורה ביניני ווידער-פאלאטשעק און ישיבה עצי חיים, האט ער שוין אויפגעקלאפט קרוב צו א מיליאן אייער!

אויף די פראגע פארוואס ער קויפט נישט די גרייטע געקלאפטע אייער, דערקלערט דער מענעדזשער אז דאס איז סיי צוליב געזונטהייט ווייל ס'האט פרעזערוועטיווס, סיי צוליב געשמאק ווייל ס'איז נישט אזוי גוט אין טעם, און סיי צוליב חששות אין כשרות.

## נייע כיתה רענאווירט פאר זומער קלאס

אינעם אלטן בנין התלמוד תורה אויף געציל בערגער בלווד., האט מען לעצטנס געעפנט א נייע כיתה פאר די זומער קלאס, וואו עס לערנען די יונגלעך וואס קומען ארויס אין די געגנט פון קרית יואל אויפ'ן זומער.

דער געטרייער מענעדזשער פונעם געביידע, הר"ר משה לוי ברוין הי"ו, האט אריינגעלייגט אסאך כוחות צוצוגרייטן דעם קלאס, און ב"ה עס איז פארענדיגט געווארן אין צייט זיך צו עפענען ביים אנפאנג פונעם זומער סעזאן.

ווי אויך האט מען אינעם זעלבן בילדינג לעצטנס צוגעלייגט א קלאס פאר די קינדערגארטן קינדער, נאכדעם וואס יעדע שטיק צייט וואקסט די קינדערגארטן מיט א פרישע קלאס.

## דאך אין לאנטש-רום פון בנין צייטווייליג פארראכטן

דער דאך אינעם לאנטש-רום פונעם אלטן תלמוד תורה, אויך באקאנט אלס "אולם עקשטיין", האט לעצטנס באקומען לעכער און ס'האט אנגעהויבן אריינצורעגענען דערפון.

דאס צו פארריכטן ווי ס'דארף צו זיין וואלט געדארפט קאסטן צו טייער, וואס די הנהלת הישיבה קען זיך לעת עתה נישט ערלויבן. דערפאר האט מען אראפגערופן א קאמפאני וואס זאל דאס פארריכטן אויף א פראוויזארישן וועג, פאר די סומע פון $10,000.

## פארקינג לאט פראוויזאריש פארראכטן

מיט געציילטע חדשים צוריק איז באריכטעט געווארן, אז די "פארקינג לאט" פארנט פונעם אלטן תלמוד תורה געביידע אויף געציל בערגער, איז שוין שטארק אפגענוצט און לעכעריג, און יעדע שטיק צייט דארף מען פריש אנפילן די לעכער.

לויט'ן ארגינעלן פלאן האט מען געדארפט איבערפלאסטערן דעם גאנצן פלאץ, און דאס האט געמוזט געטון ווערן פאר די סעיפטי פון די באס דרייווערס וואס ברענגען די קינדער און די קינדער וואס שפילן זיך דארט ביי מיטאג וכדומה.

אבער למעשה איז נישט געווען גענוג געלט אין די קאסע, און מ'האט זיך געמוזט באגענוגן מיט א צייטווייליגע "פעטשינג" דזשאב, און אי"ה "לכשירחיב" וועט מען דורכפירן די רענאוואציע לויט'ן פלאן.



# קעמפ ביילאגע

זכרונות און בילדער פון מחנה קרית יואל תש"ע לפק







## כיתות ו'-ז'

### גליקליכע וואכן פאר תלמידי כיתה ו' ז'

עס פעלט נישט אויס צו פרעגן פון א יונגל פון כיתה ו' ז' וויאזוי עס איז געווען אין קעמפ, זיינע פרייליכע אויגן און שטראלענדע געזיכט זאגט שוין אלעס...

אין צוגאב צו די התמדת התורה און עבודת התפלה, זענען פארגעשטעלט געווארן פארשידענע אקטיוויטעטן. ווען די רעדאקציע האט זיך געווענדן צו הרה"ח ר' אלתר משה קליין שליט"א, וועלכער איז געווען דער מדריך פאר כתה ו' און ז', האט ער אנגעוויזן אויף אויסצוגן פון א בריוו פון א כיתה ז' יונגל, וועלכער שרייבט אפ זיינע זכרונות, וואס זאגט שוין אלעס.

פאלגענד זענען עטליכע קורצע נאטיצן, איבער די קעמפ אקטיוויטעטן (אנגעפירט דורכ'ן מלמד מומחה הר"ר משה יעקב גרינוואלד שליט"א):

...מ'האט אריינגעפירט א ספר תורה ע"פ סוד, וואס מען קען נישט זעהן, אוי האט מען געטאנצן! איבערהויפט ווען הר"ר אלי' שלמה קאהן הי"ו איז אנגעקומען מיט זיין גרויסן אויטא, און דער ליטווישער נדבן "ר' יחיאל ראזנבלום" און זיין משפחה זענען ארויסגעשטיגן דערפון. דער 'נדבן' האט איבערגענומען דעם ספר תורה, די שמחה האט זיך געשפירט אין די לופט, די קינדער, בחורים, משפחות, מיט פענער און מוזיק, די פילע פארזאמעלטע בשעת די דרשה פונעם נדבן אין בית המדרש, עס איז געווען אזוי ערנסט איך האב שיער געמיינט אז עס איז עכט, נאכדעם האט יעדער געטאנצט מיט די תורה און זיך מקבל געווען איינצוהאלטן די (עכטע) תורה".

..."דינסטאג זעמיר אלע געווארן גענוויר א זאך וואס אונז וויל מיר שוין לאנג וויסן "ווער איז דער נאר". די פלעי' איז געווען מעכטיג מיט די טויזנט בערד אבער נאכמער איז געווען די געסט .... די ציגעלעך..... איך האב קודם געמיינט אז עס איז א טעיפ, אזוי עכט איז עס געווען".

..."עס האט זיך געמאכט א פראבלעם, אזוי ווי מען געט פיינע געשמאקע סעודות דריי מאל א טאג און מען האט נישט קיין כח צו עסן די נאש, דעריבער האט מען געמאכט א סדר השעה פון מאה ברכות, יעדער ברויך אויפזוכן ווי די ברכה ליגט באהאלטן, מען לויפט פון איין עק קעמפ ביז די אנדערע עק ביז מען טרעפט יעדע ברכה.

"און ווען איך זאל אנפאנגען צו שרייבן סתם א סדר היום, א "דאווענען" מיט אזא געשמאק עס האט זיך געשפירט אזא געהויבנקייט אין די לופט, ווייטער מיט די פרישטאג'ס די געשמאקע, געזונטע, באַטעמ'טע, נאהראפטיגע, מחי'דיגע, רייכע, ברייטע, פולע, זעטיגע, סעודות, די געשמאקע לופטיגע זויבערע שטובער, אזוי אויך די חדרים איז געווען צוגעשטעלט אויפ'ן בעסטן אויפ'ן, די רבי'ס, די שלאף רבי'ס, יעדער האט זייער שווער געארבעט אז די קעמפ זאל זיין די בעסטע וואס איז נאר שייך".

"א שבת!!! איז דאך אוממעגליך צו באשרייבן די געשמאקע פולע סעודות, די זמירות שב"ק דורך די חשוב'ע מלמדים, די טאנצן און שפרינגען כמעט דריי שעה ביי יעדע סעודה, אוי!! עס איז דאך געווען מלא טעם מיט געשמאקייט און זיסקייט, אוי וועלן מיר זיך בענקן נאך דעם, די פידעלע מוצאי שב"ק מיט די פייפערעל, און די שופר מיט'ן אהבה רבה ניגון".

"עס כאפט א פחד, מאנטאג נאכמיטאג דער פראטעסט, מ'איז געקומען מוחה זיין קעגן די ציונים ימ"ש וואס גראבן קברים, ר' הערשל קאהן האט מיט'ן טלית מוחה געווען, ר' אלי' שלמה האט געליארעמט מיט אן ענגלישע דרשה פאר די

די הכנסת ספר תורה אקטיוויטעט







קעמפ ביילאגע קעמפ ביילאגע קעמפ ביילאגע קעמפ ביילאגע

פרעסע... ר' דוד לייב גרינפעלד האט אונטערגעצינדן דעם טמא'נעם ציוני'סטישן פאן, און מיר האבן געשריגן 'פוי' מיט די גרעסטע כוחות ביז'ן הייזעריג ווערן, זאלן די רשעים טאקע אויסגעריסן ווערן.

..."ווי שיין איז געווען דער באזוך פון רבי'ן שליט"א אין קעמפ, דער רבי איז ארומגעגאנגען אין די חדרים און פארהערט, שפעטער זענען מיר געלאפן צום פרייען פעלד וואו דער רבי האט געזאגט תורה מיט מוסר, עס איז געווען מורא'דיג.

..."מאנטאג צופרי, איך שטיי אויף און זעה פלאקאטן אז עס גייט זיין א מעמד "יעלה ויבוא", איך קוק גוט פארשטיי איך אז עס גייט קומען א העליקאפטער מיט פאראשוטס, טאקע נאכמיטאג ווען אלע קינדער האבן זיך אויסגעשטעלט אויף די זון, אבער עס איז געווען זייער אינטערעסאנט ווי פון אזוי הויעך האט זיך די באשעפענישן אראפגעשליידערט און אנגעקומען ביז אונטן".

..."און איך וויל נישט פארגעסן פון די נאכט לייגן וואס יעדן טאג הערט מען א טעיפ פון א שיינעם בעל מספר, אמאל איז עס געווען שרעקעדיג אמאל נישט, און פונעם שווימען, אפילו עס רעגנט קען מען אויך גיין".

אחרון חביב די אומפארגעסליכע מסיבת פרידה וואס איז געווען צו לאכן און צו וויינען, די הארציגע געזעגענונגס דרשה פונעם מנהל הר"ר נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט"א פול מיט מוסר און חיזוק אויף ווייטער, און סיי די פרייליכע ווערטער פונעם די בעלי דרשנים ובפרט די אינטערעסאנטע שמועס פונעם קינד וואס רופט אהיים פון קעמפ, מען האט זיך ממש געהאלטן ביי די זייטן, און ווי גוט מיר האבן זיך געשפירט אז מיר האבן געקענט ארויסווייזן א הכרת הטוב פאר אונזער געטרייע איבערגעגעבענע מנהל, און דערנאך די נוצבארע מתנה וואס מיר האבן באקומען פונעם מנהל שליט"א, און ווי פרייליך זעמיר געווען נאך אזא קעמפ, דאס האט זיך ארויסגעוויזן ביים טאנצן.

# כיתה ח'

## תלמידי כיתה ח' אהיימגעקומען פון קעמפ אנגעזאפט מיט סיפוק רוחני

צווישן די הונדערטער צאן קדשים וואס זענען אהיימגעקומען פון קעמפ מלא וגדוש מיט חיזוק און סיפוק וואס זיי האבן אנגעשעפט במשך די צוויי מיט א האלב



די מחאה אדירה






ביים קבלת פנים פארן רבי'ן שליט"א




יעלה ויבא...






צום געזעגענען...



# קעמפ ביילאגע קעמפ ביילאגע קעמפ ביילאגע קעמפ ביילאגע

וואכן ווײלנדיג אין קעמפ אנהויב דעם זומער סעזאן, שיינט ספעציעל ארויס די תלמידי כיתה ח' תחת הנהלתו פונעם מנהל רוחני הרב ר' חיים זאב שפילמאן שליט"א.



לאנגע וואכן פאר'ן קעמפ האט דער מנהל שליט"א מיט א סוויטע פון געטריי איבערגעגעבענע מלמדים ארײנגעלייגט כוחות עצומות אז דער קורצער זמן אין קעמפ זאל זיין אנגעפולט על כל גדותי' און מיט נאך א שמוץ אריבער, און אז עס האט זיך ברייט אויסגעצאלט זייער הארעוואניע אויף דעם זענען עדות די הונדערטער עלטערן, וואס נאך יעצט הערן זיי נישט אויף איבערצוהערן פון זייערע קינדער די איינדרוקן און איבערלעבענישן וואס זיי האבן קונה געווען אין קעמפ.

אנעם אריינגיין און שילדערן די התמדת התורה, די פלייסיגן לערנען אין מס' קידושין, פארטאגס, פארמיטאג און ביינאכט, די געוואלדיגע כוחות אין עבודת התפילה וואס איז אריינגעלייגט געווארן, איז יעדן טאג, יעדן שבת, און יעדע שעה געווען אן איבערלעבעניש וואס די קינדער האבן כסדר קונה געווען נאך און נאך.

צו לערנען די קינדער שרייבן און ארויסברענגען זייערע געפילן מיט טאלאנט איז ספעציעל צוגעשטעלט געווארן א 'טאג-בוך' אין וועלכן די תלמידים האבן טעגליך פארצייכנט די איבערלעבענישן פונעם היינטיגן טאג. טייל תלמידים האבן דאס פארצייכנט מיט א מייסטערהאפטן אופן, אז עס איז געווען צום שטוינען צו זעהן די טאלאנטפולע יונגע שרייבערס.

איינע פון די צענטראלע אקטיוויטעטן אינעם קעמפ איז געווען "שלשלת הזהב", וואס זאל פארהערט ווערן מיט א בחינה. אט דאס שטעלט מיט זיך פאר דער טיף באארבעטער ידיעות שפיל, וואס מ'האט דורך ספעציעל באארבעטע קארטלעך געלערנט די השתלשלות הדורות, די גזעים פון רוב תלמידי בעש"ט למשך דורותיהם. דורך דעם 'שפיל' האבן די תלמידים געלערנט הערליכע תוכנ'פולע ידיעות.

יעדן פרייטאג נאכמיטאג איז געווען א סדר פון 'מעשי ידי להתפאר', א שעה איבער די וואך האט מען אוועקגעגעבן צו מאכן האנט ארבעט און קונסט ווערק, די תלמידים האבן צוזאמגעשטעלט הערליכע שיינע זאכן דורך 'ארטס און קרעפטס' צו אלעמענס הנאה.

לאמיר נאר רעדן פון געציילטע דרשות נפלאות וואס זענען געהערט געווארן פאר די תלמידים. אויסער די כסדר'דיגע דרשות פונעם מנהל שליט"א, האבן זיי אויך געהערט א צאל באלערנדע דרשות דורכ'ן מנהל המחנה הרה"ח ר' אלי' שלמה קאהן שליט"א, בענינים שבין אדם לחברו; דער מנהל המוסדות הרבני הנגיד מו"ה מאיר הירש שליט"א וועלכער האט אויפגעטרעטן דאנערשטאג פ' בהעלותך און ארויסגעברענגט בטוטו"ד וואס עס איז דער ציל פון קעמפ און וואס מ'דארף דא קונה זיין; צי די דרשה שבת נאכמיטאג פאר'ן טשולענט פון הר"ר ר' שמואל שלמה טעללער שליט"א אין וועלכן ער האט געשילדערט די לאנג-פארצויגענע מלחמה פון ערליכע אידן מיט די ציונים, און בעיקר די גזירה פון חיטוטי שכבי בארה"ק.

אה, מ'דערמאנט זיך די גערהויבענע "הכנה לשב"ק", ווען ליל שישי נאך מעריב האט מען זיך אוועקגעזעצט מיט א נעימות זיך צוגרייטן צום הייליגן שבת, שפעט ביינאכט האט מען געזונגען קה אכסוף, און נאך מערערע

**וואס האב איך מיך אויסגעלערנט אין קעמפ?**

- ☐ מאכן די בעט
- ☐ האלטן זיך איבער די שלאף שטוב
- ☐ נישט עסן אסאך נאש
- ☐ פארטראגן מיט חברים
- ☐ פאלגן דעם ערשטען מאל
- ☐ זיין צופרידן
- ☐ הכרת הטוב
- ☐ האבן אחריות אויף די אייגענע זאכן
- ☐ אכטונג געבן אויף יענעמ'ס זאכן
- ☐ מקיים זיין מצות השבת אבידה
- ☐ אויפעסן אלעס וואס מען גיט
- ☐ דאווענען אויף שבת
- ☐ זיצן אויף איין פלאץ שבת ביים דאווענען
- ☐ זינגען זמירות שב"ק
- ☐ זאגן המפיל
- ☐ נישט אויסרעדן נאך המפיל
- ☐ פיצן די שיך לכבוד שב"ק
- ☐ אויסהערן ליינען שב"ק
- ☐ זאגן די הפטרה
- ☐ אליין צוזאם לייגן וועש
- ☐ איבערציען א בעט
- ☐ לערנען אפילו עס קומט נישט אן אזוי גרינג





## די קארטלעך און גורלות וואס זענען פארטיילט געווארן פאר די תלמידים אין קעמפ במשך די זומער וואכן העעל"ט














ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר – קרית יואל

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

כתה ט' מכינה לישיבה

פה מחנה קרית יואל סט. פאלסבורג נ.י.

בעזהשי"ת

וענתה השורה הזאת לעד ביד תלמידנו

הב' ________________ ני"ו

**שעמד לנסיון על כל פרק האיש מקדש**

אצל הרב הגאון רבי **חנני' יו"ט ליפא ווערצבערגער** שליט"א

ואנו תפלה שילך מעלה מעלה ע"ד התורה ויראה ויזכה לסיים כל המסכת ולאילנא רברבא יתעביד

________________

חתימה

**סוגי הציונים:** **מצוין** ידע להשיב על כל השאלות בלי שום גמגום בהבנה ישרה.
**א א** ידע להשיב על כל השאלות טוב מאד. **א** ידע להשיב על השאלות.

בנכם ________________ נ"י לא הי' מוכן לעמוד לנסיון על מה שלמדנו וחזרנו כאן בהמחנה, וכמובן שעליו להשלים הפרק ולעמוד לנסיון ע"ז במוקדם האפשרי

________________

חתימת האב

## די כתב תעודה וואס איז געגעבן געווארן פאר תלמידי כיתה ט' מכינה לישיבה סוף קעמפ פארן זיך פארהערן פרק האיש מקדש

קעמפ בייליגע קעמפ בייליגע קעמפ בייליגע קעמפ בייליגע

אידישע ניגונים וואס מ'האט זיך אויסגעלערנט אינעם קעמפ, און מ'האט זיך דערוואַרעמט דאס הארץ אונטער די מייסטערהאפטע פירערשאפט פונעם רוח החיים אין קעמפ הר"ר בנימין זאב פוקס שליט"א מחשובי המלמדים.

ווער רעדט נאך פון א שבת גופא, ווען די קינדער האבן זיך אויסגעלערנט צו זיצן ביי א שבת'דיגע סעודה לאנגע שעות במלא מובן המילה, און געזונגען מיט א פלייס חשק און ברען, מיטגעהאלטן די דברי תורה וואס זענען געזאגט געווארן, און אנגעהויבן צו שפירן א געשמאק אין שבת, א געשמאק אין רוחניות, דעם זיסן טעם פון אידישקייט. אוי! ווי אמת'דיג האט זיך געזונגען מעומק הלב דער אידישער זמר'ל "אוי ווי גוט, אוי ווי פיין, איז צו זיין א איד, לערנען און דאווענען און נישט זיין מיד".

די תלמידים זענען אהיימגעקומען פון די קורצע תקופה אין קעמפ זאט מיט רוחניות, און די הייליגע רישומא וועט בלייבן ניכר אויף א לענגערע צייט.

# כיתה ט' – מכינה לישיבה

## "מסכת ציצית"...

אזוי ווי עס איז היי-יאר אויסגעקומען צו ווייל'ן אין קעמפ אום פרשת שלח, וואו מ'לערנט אין די סדרה די מצוה פון ציצית, האט דער מנהל רוחני הר"ר ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א מחליט געווען אריינצוברענגען די חשוב'ע תלמידים אין מצות ציצית.

די הייליגע מצוה פון ציצית איז אן אויסנאמליכע מצוה וואס באגלייט א מענטש פונעם פריעסטן יוגנט, פון ווען ער ווערט אלט 3 יאר און ער באקומט פיאות, ביז צו די לעצטע מינוט פון זיין לעבן, א גאנצן טאג איז ער אנגעטון מיט די מצוה - און ערליכע אידן פירן זיך אויך בייַנאכט צו גיין מיט ציצית - אזוי אז דעם גאנצן מעת לעת דרייט ער זיך מיט די הייליגע מצוה פון ציצית.

אויסער דעם, די סגולה פון די מצוה פון ציצית שטייט ארויסגעשריבן אין די תורה הק' "וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם"... דעריבער האט דער מנהל מחליט געווען צוזאמצושטעלן א קונטרס "למען תזכרו" מיט הלכות, ענינים, טעמים, איבער די מצוה פון ציצית, וואס די טייערע תלמידים זאלן לערנען אין קעמפ. אנקומענדיג אין קעמפ האט יעדער תלמיד באקומען דעם קונטרס.

זונטאג נאכמיטאג האט דער מנהל שליט"א פארגעלערנט ברבים די פרשה פון "ציצית", חומש, רש"י, אור החיים הקדוש, און נאכגעזאגט א שלל מיט ענינים פון ספרי קודש און סיפורי צדיקים איבער די קדושה און סגולה פון ציצית.

מאנטאג האט דער מנהל פארגעלערנט די הלכות פון ציצית פון אינעווייניג פונעם קונטרס "למען תזכרו", און זיי האבן זיך באקאנט געמאכט מיט די פרטי הלכות און דינים. ווי אויך האט דער מנהל געברענגט א ציצית אין בית המדרש און דאס געבינדן ברבים, ווייזנדיג פאר די תלמידים די קשרים און די כריכות, וויאזוי מ'האט אינזינען דעם שם הוי"ה מיט אח"ד בשעת'ן דרייען די ציצית.

במשך די טעג האט מען דורכגעלערנט דעם גאנצן קונטרס וואס האט הלכות, ענינים, א קאפיטל פון די חשיבות פון שלאפן מיט ציצית - ארויסגענומען פונעם ספר הנפלא "משמרת הלילה" וואס קומט ארויס בקרוב דורך הרה"ג ר' יצחק יעקב

**די תלמידים פון "כיתה ט' - מכינה לישיבה"**
**האבן במשך דעם זומער דורכגעלערנט אלע ענינים פון הל' ציצית**











כ"ץ שליט"א ר"מ בישיבה קטנה - דרשות פון רבינו שליט"א, און עטליכע סיפורים בגודל מצות ציצית פון די גליונות "זקניך ויאמרו לך".

דערנאך האט נאכגעפאלגט א "שיעור כללי" וואס עס האט פארגעלערנט הרה"ג ר' משה טייטלבוים שליט"א מו"צ ביהמ"ד בית שמואל בנימין, וועלכער האט אראפגעגעבן בשפה ברורה ובנעימה א שיעור אין די הלכות פון לבישת ציצית, עטיפת ציצית, וויאזוי מ'מאכט ציצית, די הלכה בנוגע די ברכה אויף די ציצית, באגלייט מיט שיינע מעשיות און משלים.

דער קלימאקס איז געווען פרייטאג עש"ק, נאכדעם וואס די בחורים זענען אויף געווען א גאנצע נאכט ליל שישי, און עס איז געווען א קורצע הפסקה בחצות הלילה, פאר א באטע וואס איז אנגעפירט געווארן דורך הר"ר יואל פריעדמאן שליט"א און הר"ר קלמן גפן שליט"א, און נאכדעם האט מען זיך צוריקגעזעצט לערנען ביז'ן עלות השחר, ווען מ'האט געדאווענט שחרית מיט התלהבות.

דאן איז מען זיך צוזאמגעקומען פארמיטאג אין בית המדרש ווען יעדער ברענגט מיט א נייעם וואלענעם טלית קטן וואס מ'האט געקויפט אין די תלמוד תורה פאר'ן קומען אין קעמפ, און מ'האט געקניפט די ציצית ברבים יעדער איינער אין ביהמ"ד בשעת ווען אלע מלמדים און משגיחים זענען אנוועזנד און העלפן צו מיט טאט און ראט אז די תלמידים זאלן זיך אויסלערנען אזא וויכטיגע השלמה וואס וועט צוניץ קומען אויף אייביג, און די אהבה און חביבות צו די מצוה וועט בלייבן איינגעבאקן אין זייערע הערצער.

## "תולדות רבותינו"...

עס קען נישט פארזעהן ווערן א צווייטע וויכטיגע שיעור וואס די תלמידי המכינה לישיבה האבן קונה געווען אין קעמפ, דאס איז די תולדות פון אבותינו ורבותינו גדולי הראשונים והאחרונים מוסדי דור ודור, וואס איז געלערנט געווארן מיט די תלמידים, אז זיי זאלן האבן א ידיעה ברורה ומקיפה אין די תולדות פון די תנאים אמוראים, ראשונים ואחרונים, עד ימינו אלה.

עס איז דירעקט איבערגעדרוקט געווארן א קונטרס נפלאה "מבוא השערים", וואס אנטהאלט אין זיך א קורצע איבערבליק איבער די תולדות פון אלע גדולי ישראל, אנגעהויבן ביי די משניות און געענדיגט ביי די אחרונים, וואס איז אויסגעשטעלט אויפ'ן צורת הדף אזוי ווי מיר לערנען זיי אין די גמרא, רמב"ם און שו"ע, וואס איז אן אוצר בלום.

דאנערשטאג פ' בהעלותך איז געהערט געווארן א דרשת פתיחה צו דעם לימוד דורך הרה"ג ר' שמואל שלמה טעללער שליט"א, און במשך די פאלגנדע טעג האט דער מנהל שליט"א אראפגענומען צייט און ער איז איבערגעגאנגען מיט די תלמידים גרעסערע חלקים פון דעם קונטרס, מיט'ן ציל אז זיי זאלן אריינקומען אין די וועלט, און עס זאל זיי אינטערעסירן זיך צו באקענען וואס נענטער מיט דעם וויכטיגן לימוד, אז זיי זאלן אויסוואקסן ריכטיגע תלמידי חכמים מיט אלע ארומיגע השלמות.



יעדע נאכט ביי נאכטמאל האט דער משגיח הר"ר יואל פריעדמאן שליט"א דורכגעפירט אן אינטערוויו מיט איינע פון די בחורים פון כיתה ט' - מכינה לישיבה קטנה



דער גר צדק ר' אברהם גאלדשטיין הי"ו שפילט מיט'ן פידל



הר"ר יואל פריעדמאן שליט"א, עסקן נמרץ לטובת מוסדותינו הק', אינטערוויוירט דעם גר צדק ר' אברהם גאלדשטיין הי"ו - (ווערט געזען הרבני הנגיד מו"ה שמעון משה קעפעטש הי"ו, חבר הנהלת המוסדות, וועלכער האט געוויילט אויף שבת אין קעמפ און האט געספאנסערט די הוצאות פונעם מעמד)



געכאפט א גוטן שווים...



ביים סיום פון כיתה ט', דער געטרייער מענעדזשער ר' חיים אלי' פעלבערבוים הי"ו געזעגנט זיך מיט די בחורים



איינע פון די בחורי חמד איז מהנה מיט נגינה ביים סיום

קעמפ ביילאגע קעמפ ביילאגע קעמפ ביילאגע קעמפ ביילאגע קעמפ ביילאגע

## "א איד צו זיין איז טייער"...

במשך די וואכן זענען אויך פארגעקומען פארשידענע אינטערעסאנטע דרשות פון וואס די בחורים האבן שטארק הנאה געהאט.

דעם ערשטן מוצש"ק איז געהערט געווארן א דרשה פון הר"ר שמואל שלמה טעלער שליט"א, אין בעפארברייטונג צום גרויסארטיגן פראטעסט אין מאנהעטן וואס איז פארגעקומען מאנטאג דערויף. ר' שמואל שלמה האט באצויבערט די תלמידי מיט די לאנג-יעריגע היסטאריע פון קנאות און פראטעסטן, פארצײלנדיג איבער פארשידענע פראטעסטן וואס אונזערע עלטערן האבן דורכגעפירט און מיטגעלעבט במשך די יארן.

דעם אנדערן מוצ"ש איז פארגעקומען א פרעזענטאציע מיט'ן נאמען "א איד צו זיין איז טייער". מו"ה יואל פריעדמאן שליט"א האט דורכגעפירט א לענגערן אינטערוויו מיט'ן גר צדק מו"ה אברהם גאלדשטיין הי"ו, וועלכער האט פארצײלט זיין היסטאריע, וויאזוי ער איז צוגעקומען צו ווערן א איד, און איבערגעגעבן אינטערעסאנטע ענינים וואס איז פארבינדן מיט זיין פידל שפילן. דערנאך האט ער אויך מהנה געווען די תלמידים מיט'ן זינגען עטליכע ניגונים אויף זיין פידל, פון וואס די בחורים האבן שטארק הנאה געהאט.

די בחורים האבן דאן פייערליך אויסגעבראכן אין א געזאנג אויפ'ן באקאנטן לידל "א איד צו זיין איז טייער, א איד צו זיין איז גוט, לאמיר אלע טאקע זיין אן ערליכער איד".

## "מסיבת פרידה"

צום ענדע פונעם קעמפ איז אפגעהאלטן געווארן א ערליכע "מסיבת פרידה" פאר די תלמידים, מיט א סיום אויף פ' האיש מקדש פון מס' קידושין.

די שמחה האט זיך אייגנטליך אנגעהויבן יענעם אינדערפרי, ווען די תלמידי המכינה לישיבה האבן זיך פארהערט אויפ'ן גאנצן פרק, און דער פארהערער, הרה"ג ר' ליפא ווערצבערגער שליט"א, איז גאר שטארק נתפעל געווארן פון זייער טיפע הבנה.

פארנאכטס איז פארגעקומען דער גרויסארטיגער סיום און מסיבת פרידה. דער יו"ר פונעם מסיבה איז געווען הר"ר יואל פריעדמאן הי"ו, וועלכער האט מיט זיין שטארק טאלאנט און כשרון אנגעפירט דעם מעמד.

עס האבן אויך אויפגעטרעטן צוויי "הורי התלמידים" וואס האבן זיך דעמאלטס געפונען אין קעמפ, ה"ה הרב ר' הערשל קאהן שליט"א, א מלמד אין איינע פון די יונגערע כיתות, און מו"ה חיים אלי' פעלבערבוים הי"ו, דער מענעדזשער פונעם קעמפ. אלס עלטערן פון תלמידים אין כיתה ט' מכינה לישיבה קטנה, האבן זיי געהאט איבערצוגעבן גאר גוטע איינדרוקן און געפילן פון די געוואלדיגע ארבעט וואס ווערט אריינגעלייגט אין זייערע קינדער.

מו"ה יואל פריעדמאן שליט"א האט מיט הערליכער חרוזים איבערגעזינגען אלע הויכפונקטן פון די זומער וואכן, דערביי האט ער דורכגעפירט אן אינטערוויו מיט מו"ה שמואל דוד פרידריך הי"ו, דער נוירס פונעם קעמפ, אויספרעגנדיג פארשידענע פראגעס איבער די 'קאלס' וואס ער האט געהאט במשך די זומער וואכן, וואס די בחורים האבן צוגעהערט מיט גאר א שטארקע אינטערעסע.

דער הויכפונקט איז געווען ווען דער מנהל הר"ר ברוך שלמה וויינבערגער שליט"א האט זיך אויפגעשטעלט און געענטפערט פארשידענע שאלות וואס די בחורים האבן אנגעפרעגט פון פאראויס. די שאלות זענען פארגעלייגט געווארן דורך מו"ה יואל פריעדמאן הי"ו, און דער מנהל שליט"א האט אויף יעדע שאלה געענטפערט בטוב טעם ודעת.

צום ענדע האבן זיך די בחורים ארויסגעלאזט אין א געהויבענע התלהבות'דיגע רקידה, וואס האט אנגעהאלטן א שטיק צייט, בשעת די בחורים און די מגידי שיעור און מחנכים זענען זיך משמח בשמחת התורה און פרייען זיך מיט'ן סיום פונעם פרק "האיש מקדש" און מיט'ן ענדיגן דעם זומער זמן מיט א סוקסעס.

# ישיבה קטנה

## בוחן איבערראשט פון ברייטע קענטעניסן פון תלמידי ישיבה קטנה

די ישיבה קטנה בחורים, בהנהלת הר"ר חיים אליעזר דאווידאוויטש שליט"א, האבן גאר פלייסיג געלערנט במשך די 2 און א האלב וואכן אין קעמפ, און אויסער די שיעורי הישיבה האבן זיי געלערנט גאנץ מס' ביצה פון אנפאנג ביז'ן סוף.

די בחורים האבן זיך דערנאך געשטעלט צום פארהער ביי הרה"ג ר' דוד יודא הירשפעלד שליט"א אויף די גאנצע מסכתא, און דער פארהערער איז שטארק נתפעל געווארן ווי גרונטליך זיי האבן געלערנט און געקענט די מסכתא.

די בחורים האבן במשך די טעג געהערט עטליכע דרשות פונעם מנהל שליט"א אין פארשידענע ענינים, ובפרט איבער מדות טובות און התמדה בתורה. ווי אויך האבן אלע מגידי שיעור אויפגעטרעטן במשך די וואכן, ביי פרקי אבות שיעורים אדער ביי די שבת'דיגע סעודות.

סוף פונעם קעמפ סעזאן איז אפגעראכטן געווארן א הערליכע מסיבת סיום אויף מס' ביצה, וואו הרה"ג ר' בערל מרגליות שליט"א האט געזאגט דברי פתיחה און דער מנהל האט גערעדט א ווארימע דרשה איבער די וויכטיגקייט פון חזר'ן וואס מ'לערנט. דער אורח הכבוד פון דעם סיום איז געווען הרה"ג ר' יחזקאל פראנקעל שליט"א. אויך האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' שלמה זלמן וויינבערגער שליט"א, וועלכער האט פארצײלט אביסל היסטאריע איבער די באקאנטע "נשא תורה" און די גאנצע געשיכטע פון די "מלחמת ששת הימים".

אזוי האבן די תלמידי הישיבה פארברענגט במשך די קעמפ וואכן אין א געשמאקע תורה'דיגע און ערנסטע אטמאספערע, אהיימקומענדיג פיל מיט חיזוק און אהבת תורה.




הרה"ג ר' דוד יודא הירשפעלד ביים פארהערן די תלמידים פון ישיבה קטנה אין קעמפ

# ישיבה לצעירים ח"א

## מקדש געווען די "ראונד טאפ" בערג...

אויב איז מתחילה געווען א רחמנות אויף די הערליכע 'ראונד טאפ' בערג, וואס היי-יאר צום ערשטן מאל אין דרייצן יאר איז זי נישט געווען אין באנוץ פאר די תלמידי מוסדותינו הק', וואס זענען געגאנגען אין מחנה בית רחל, קען מען רואיג זאגן "נחמו נחמו", נאכדעם וואס די תלמידי ישיבה לצעירים ח"א זענען דארט געווען צוויי וואכן, און האבן אריינגעגעבן די מאקסימום מיט תורה ויראה, אז ירננו כל עצי היער, די ביימער און בערג האבן זיך געקענט פיל אנשעפן מיט דעם מחזה הוד וואס זיי האבן דארט געזען.

אבער נישט נאר די ביימער און בערג האבן דאס מיטגעהאלטן. די בחורים זענען געווען אין קעמפ מיט דריי ספרים, א גמרא נדרים, א גמרא מכות, און שו"ע הלכות שבת. ווען מ'איז נאר אריינגעקומען אין ביהמ"ד האט זיך געקאכט איבער איינע פון די דריי, וואס די תלמידים זענען געווען פארנומען אכצן שעה אין מעת לעת דאס צו חזר'ן, גרייטנדיג זיך אויפ'ן פארהער פוןביידע מסכתות וואס מ'האט געלערנט דעם זמן, מיט הל' מוקצה.

די ווארימע דרשות פון הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א ראש הישיבה, האט שטארק אויפגעפלאקערט די בחורים און זיי אנגעווארעמט צו תורה, יר"ש מדות טובות און איידלקייט.

"נאר איין ליל שישי פון 5 שעה רצופות לערנען, אן ערב שבת שיעור אין ויואל משה, א סעודת ליל שב"ק מיט זמירות ביז 2 פארטאגס און יעדע סעודה מיט תוכנ'פולע דרשות, א פרק פארלערנען פונעם ראש ישיבה, און א שלש סעודות תורה, עס איז נישטא קיין ווערטער", פארציילט איינע פון די אנוועזענדע מחנכים, "ווער רעדט פון די זייטיגע שיעורים אויסער די סדרי הלימוד, ווי די בחורים זענען געזעצן צוויי שעה פאר'ן זמן הדלקת הנרות מיט בגדי שבת, און שבת צופרי פאר קריאת התורה געלערנט אן אנדערטהאלבן שעה, און אזוי איז יעדע סדר אויסגענוצט געווארן מיט התמדת התורה".

## סדר השחיטה "לעבעדיג"...

באזונדער ווערט ארויסגעברענגט דעם הערליכן "סדר השחיטה" וואס די תלמידים האבן דארט געלערנט.

עס איז געווען א מחזה הוד ווען דער שו"ב מומחה הרב ר' שלמה קליין שליט"א איז אנגעקומען אין קעמפ, מיטברענגענדיג פיר שעפעלעך. ער האט אויפגעטרעטן מיט א שיעור כללי איבער דעם גאנצן סדר השחיטה, סיי פון עופות און סיי פון גסות און ארויסגעברענגט אז די בחורים זאלן פארשטיין וואס עס הייסט א 'הידור' און וואס עס איז 'כשר', ווען ער צולייגט בשפה ברורה די צענדליגער הידורים וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א האט איינגעשטעלט אינעם בית השחיטה המהודרת אין קרית יואל און אין טעקסאס.

די בחורים האבן אויך באקומען א ידיעה אין הלכות בדיקת פנים ובדיקות חוץ, די חלק פון ניקור, די געוואלדיגע מעלות פון שחיטה מונחת קעגן שחיטה עומדת וכו'.

דאן האט מען צוגעטרעטן צום מעמד השחיטה זעלבסט, ווען מ'האט גע'שחט'ן די בהמות דקות, איינס נאך די צווייטע, און דער חשוב'ער שו"ב ובעל מנקר הרה"ח ר' אשר יעקב עקשטיין שליט"א האט געמאכט בדיקת פנים. די בחורים האבן זיך פאראהאלטן שטיל כדי די עבודה זאל קענען זיין מיט די פולסטע רואיגקייט, בלויז די ערשטע איז ארויסגעקומען 'גלאט', ביי די אנדערע האט ער מרגיש געווען א סירכא, און אלע בחורים זענען אריבערגעגאנגען און אריינגעשטעקט די האנט און זיך אויסגעלערנט וויאזוי מ'איז מרגיש א סירכא.

שפעטער האט ר' אשר יעקב אויפגעבלאזן די ריאה און יעדער האט געקענט זעהן בחוש אז די ריאות פון די בהמות וואס האבן געהאט סירכות זענען געלעכערט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דאן פערזענליך זיך אפגעגעבן מיט די איינציגע שעפעלע וואס איז ארויסגעקומען כשר, און ער האט דאס כשר געמאכט, און צוגעגרייט אז מ'זאל דאס קענען עסן. דאס פלייש איז דערנאך איבערגעגעבן געווארן פאר'ן קעכער וועלכער האט דאס אריינגעלייגט אינעם זופ וואס די בחורים האבן געגעסן א טאג דערויף, און געמאכט א ברכה מיט גרויס כוונה, נאכדעם וואס זיי וויסן און פארשטייען וואס עס גייט אריבער אויף א שטיקל פלייש ביז ווען עס גרייט אויף אונזער טיש.

עס איז אויסגעדרוקט געווארן א הכרת הטוב פאר'ן בארימטן איש חי ורב פעלים מו"ה יצחק יושע קארנבלי הי"ו, וועלכער איז געשטאנען אין שפיץ פון די אונטערנעמונג מהחל ועד כלה, צווישן די אנדערע פילצאליגע פראיעקטן וואס ער האט צוגעשטעלט פאר די בחורים במשך די וואכן וואס זיי האבן געווילט אין קעמפ.

# לעבעדיגע סדר השחיטה אין ישיבה לצעירים ח"א/ראונד טאפ


דער שוחט ווייזט דעם חלף


שטיפה והדחה אויף א חלק
פונעם ציגעלע


דער שוחט שארפט אויס
דעם מעסער


נאך די שחיטה


דער ראש ישיבה איז בודק דעם חלף


ר' אשר יעקב ווייזט דעם חלף,
בעת דער שוחט ערקלערט די הלכות


ביים אויפהענגען די בהמה
צו קענען מנקר זיין


דער שוחט ווייזט די לונגען און
ערקלערט פארוואס דאס איז נישט כשר


ביים מנקר זיין


דער שוחט ווייזט א סירכא
נאכ'ן אויפבלאזן די לונגען


ר' אשר יעקב בלאזט אויף די
לונגען צו זעהן אויב ס'איז כשר


ביים מנקר זיין


ווייזט א שטיקל פלייש, וואס מ'מעג
עסן און וואס מ'טאר נישט


א בחור פרובירט
אויפצובלאזן א לונג


ביים ווייזן א סירכא


ביים ווייזן וועלכע חלקים פון די שדרה
מ'מעג יא נוצן און וועלכע מ'טאר נישט









# ישיבה לצעירים ח"ב

## התמדה פון צוויי א האלב וואכן פירט צו ריזיגע פארהער אויף הל' בשר בחלב

יא יא, אזוי ווי איר הערט. נאכדעם וואס די חשוב'ע בחורי חמד תלמידי ישיבה לצעירים ח"ב האבן זיך אהיימגעקערט פון די צוויי מיט א האלב וואכנדיגע וואקאציע אין מחנה בית רחל, איז געלאדענט געווארן הרה"ג ר' ישראל דוד הארפענעס שליט"א, בעמח"ס נשמת השבת ושא"ס, צו קומען פארהערן די בחורי חמד אויף יו"ד הל' בשר בחלב, וואס זיי האבן איבערגע'חזר'ט מיט עמל ויגיעה במשך די צוויי מיט א האלב וואכן, ימים וגם לרבות הלילות, וואס האט אלעמען איבערראשט.

ווי עס דרוקט זיך אויס א מלמד פון די תלמוד תורה וואס איז געווען אין קעמפ מיט די יונגערע קינדער: "עס איז געווען א טובה פאר די צעירי צאן קדשים צו זעהן ווי די עלטערע בחורים אין קעמפ לויפן לערנען פיר אזייגער פארטאגס, און איבער'ן טאג זעהט מען זיי נישט פאר די אויגן, זייענדיג פארטון כל כולם בעמל התורה אז מ'האט זיי נישט געזען פאר די אויגן, והיינו דאהני להו".

נאך אין קעמפ זענען די תלמידים אריבערגעגאנגען גרויסע און שווערע בחינות פון איבער 150 שאלות בכתב אויף די מקצוע, און דער גרעסטער טייל תלמידים האבן מצליח געווען צו קענען ענטפערן אויף די שאלות בטוטו"ד אז די מגידי שיעור זענען אליין נתפעל געווארן ווי שיין די תלמידים האבן קונה געווען דעם מקצוע.

ווער רעדט נאך פון אלע אנדערע איבערלעבענישן וואס די בחורים האבן געהאט אין קעמפ, די דרשות וואס זענען געזאגט געווארן דורך די מגידי שיעור, ובמיוחד דורכ'ן חשוב'ן ראש ישיבה הרה"ג ר' זאב וואלף לאנדא שליט"א, וואס האט אויסגענוצט די געלעגנהייט ווען ער האט נאר געהאט און משפיע געווען אויף די תלמידים מאוצרו הנפלא בתורה ויראת שמים וחסידות.

אזוי אויך זענען די צוויי שבתים אין קעמפ אריבערגעגאנגען מיט א שטארקע התרוממות און דערהויבנקייט וואס האט איבערגעלאזט אויף די בחורים א שטארקע רישומא דקדושה, וואס איז נישט מעגליך צו שילדערן אין ראם פון אזא באגרעניצטע אויסגאבע.



די בחורים זענען געפארן צום פראטעסט אין מאנהעטן



# מדי חודש בחדשו

## קורצע נייעס'ן אינערהאלב די אפטיילונגען פון מוסדותינו הק' במשך די לעצטע חדשים

## נוירסערי-קינדערגארטן

### פרישע קלאסן געעפנט אין די נוירסערי

"בחסדי השם מוטשען מיר זיך ארום מיט פראבלעמען אין פלאץ, וויפיל מיר מיינען אז מיר געבן זיך שוין ענדליך אן עצה זעען מיר אז עס איז נישט גענוג", זאגט מיט צופרידנהייט דער מנהל ה'קינדערגארטן הר"ר משה ארי' גוטמאן שליט"א, וועלכער איז א מנהל אויף "ניין און צוואנציג" קלאסן כ"י וואס געפינט זיך אונטער זיין הנהלה.

די הרחבת גבולי הקדושה אין די מוסדות הקדושים גייט ב"ה אן אויף אן ערנסטן פארנעם, נאכדעם וואס כמעט יעדע חודש ווערן אנגענומען פרישע 25 קינדערלעך כ"י אין די מוסדות, וואס הייבן אן צו גיין פון איין קלאס צו די צווייטע, ווערנדיג נתחנך אין די הייליגע ריינע אטמאספערע וואס די מוסדות הקדושים טוען מיט זיך פארשטעלן.

"זינט נאך פסח עפענען זיך נאכאנאנד פרישע קלאסן בליעה"ר. בסך הכל האבן מיר געעפענט פרישע פינף קלאסן מיט נייע מלמדים און נייע תלמידים וואס הייבן אן צו קומען אין חדר, די לעצטע וואך אליין האבן מיר געעפנט צוויי נייע קלאסן", זאגט דער סגן מנהל מו"ה יקותיאל ישראל פריעד הי"ו.

"מאנגל אין פלאץ" איז אייגענטליך שוין אן אלטער פראבלעם וואס פלאגט מוסדות סאטמאר שוין כמעט מיום הוסדה, א פראבלעם וואס וויפיל מען האט שוין געטון אין דעם הינזיכט זעהט זיך ב"ה נישט קיין לעזונג, אבער פאר די הנהלת המוסדות מיינט דאס יא אז מען דארף שוין אנהייבן צו נעמען אין באטראכט דעם פאקט, און קלערן פלענער איבער א פרישן בנין איידער ער ווערט א קריזיס.

### דאנק אויסדרוק פאר חשוב'ע נדבנים

געוי ווי עס איז וויכטיג צו האבן סידורים אין בית המדרש, גמרות אין "היכל התורה", איז נויטיג צו האבן פאסיגע שפילערייען אין די קינדערגארטן קלאסן, אט דאס מיינט דער "חנוך לנער על פי דרכו", יעדער לויט זיין שטאפל.

צוליב די סיבה שפירט די הנהלה א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר הרבני הנגיד מו"ה חיים אהרן קליין הי"ו, וועלכער האט גענומען ערנסט דעם געברויך צוצושטעלן פאר די קלענערע קינדער שפילערייען מיט וואס זיי זאלן זיך שפילן אין הויף. צווישן די האט ער מנדב געווען די ספעציעלע זויבערע זאמד מיט וואס די קינדער קענען זיך שפילן ביי מיטאג און אזוי אנטוויקלען זייערע חושים און טאלאנטן.

ווי מיר הערן פון די חשוב'ע מנהלים רוחניים און די מענעדזשערס פון די בנינים, קומט זיך פאר ר' חיים אהרן גאר א גרויסן דאנק, ווייל אויסער די עצם נדבה וואס ער האט געגעבן וואס האט באטראפן עטליכע טויזנט דאללער, האט ער באגלייט די גאנצע אונטערנעמונג און ער האט נישט גערוט ביז ווען ער האט אלעס ערלעדיגט און עס איז אנגעקומען צום ציל, און אהערגעשטעלט געווארן גרייט פאר'ן באנוץ פון די צאן קדשים.

אין די זעלבע צייט איז אויסגעדרוקט געווארן א דאנק פאר די נדבה חשובה פון הרבני הנגיד ר' יצחק מארקאוויטש הי"ו מנדבני הבנין הת"ת, פאר זיין וואונדערבארע נדבה הערליך איבערצומאכן די גראז ארום דעם בנין וואס דאס גיט צו חן און פראכט פאר'ן בנין, און א פרישקייט פאר די גאנצע פאנאראמע ארום.

ושמתי את זרעך כחול הים.

## כיתה א'

### דורכברוך אין מתקן זיין איינגעגעסענע "עברי" גרייזן

מיט גרויס פרייד און צופרידנהייט האבן די עלטערן אויפגענומען דעם פרישן פאזיטיוון שריט אין כיתה א', וואס איז א שטארקע דורכברוך וואס איז נאכנישט געהערט געווארן ביז היינט.

דער מנהל פון כיתה א', הר"ר דוד חנני' ווייס שליט"א, האט איינגעפירט דעם נייעם סיסטעם, וואס איז געצילט אויסצורייסן איינגעגעסענע "עברי" גרייזן ביי די יונגע קינדער.

דער פראבלעם הייבט זיך אן אז ס'איז דא קינדער וואס ווען קומען אריין אין כיתה א' קענען זיי שוין דאווענען, און ס'איז דא אסאך גרייזן וואס קינדער מאכן, וואס דאס איז זייער שווער ארויסצורייסן, און זיי קענען בלייבן דערמיט א גאנץ לעבן, אזוי ווי מ'זעהט היינט טאטעס און זיידעס מיט גרייזן וואס ס'איז זיי געבליבן איינגעוואוינט פון אלס קינד.

דערפאר האט הר"ר דוד חנני' שליט"א איינגעפירט דעם פאלגנדן סיסטעם צו אדרעסירן דעם פראבלעם. יעדע פאר טעג באקומט יעדער מלמד א צעטל מיט עטליכע ווערטער פונעם דאווענען, צב"ש מודה אני לפניך מלך חי וקים. דער מלמד פארהערט יעדעס קינד און ער פארצייכנט צי ער האט ארויסגעזאגט קלאר יעדעסווארט. אויב ער זאגט נישט קלאר, הייסט מען עס איבערזאגן עטליכע מאל ביז ער קען עס.

יעדע שטיק צייט גייט מען איבער נאכאמאל אלע אלטע גרייזן, און מ'זעהט צי ס'איז שוין פארראכטן געווארן אדער מ'דארף נאך ארבעטן דערויף.

אינעם טאג וואס מ'פארהערט די ווערטער באקומט יעדעס קינד א געים, און יעדעס קינד דארף מאלן די ווערטער,



# כיתה א'

## די קינדערלעך פון כיתה א' האבן דורכגעפירט און אייגענעם פראטעסט קעגן די רשעות און חיטוטי שכבי פון די ציונים ימ"ש
















די פרידליכע מוחים גייען אהיים פונעם פראטעסט

## פרשת ויקרא



דער מנהל איז מסביר וואס ס'מיינט א קרבן פסח



מען באקוקט די בהמה אויב ס'האט נישט קיין פעלער



נישט כשר פרק א קרבן



די קינדער פארשטייען שוין "כחומט הזה", אזוי איז געוואקסן די קליידער פאר די אידן אין מדבר

## פרשת בהעלותך



די קינדער זעהן דעם אפטייטש פון חצוצרות



דער טראמפייטער פייפט, אין די פויקערס קלאפן

# ושננתם




א ביכעלע וואס די עלטערן צייכענען און מ'ברענגט צוריק
א צעטל יעדן טאג אויב מהאט גע'חזר'ט די עברי



א שיינע שיינע מתנה
פאר די מתמידים פון "ושננתם"



אינטערעסאנטע מתנה פאר די קינדער וואס האבן
זיך אויסגעצייכנט אינעם "ושננתם" פראגראם













# תהלים סיום





לכבוד די סיום אויף ספר תהלים

# סעיפטי



וויכטיגע אנווייזונג וועגן סעיפטי,
איבערגעגעבן דורך די סטעיט פאליס

# פארשידנס



מען גיט צדקה לע"נ הגה"ק
בעל ברך משה זי"ע, ביומא דהילולא




מען האלט שוין טיף אינמיטן
די ל"ט מלאכות




יא עס איז א פאקט, מיר האבן שוין
געדאווענט שבועות אין א מחזור




מען לערנט שוין אויס
צו זינגען זמירות

## כי הם חיינו



אויסצייכענונג נאך פסח פאר ווער ס'האט
מיטגעהאלטן דעם גאנצן יו"ט דעם כי הם חיינו

## במדבר




מיר פארשטייען וואס ס'מיינט א יחוס בריוו




מיר האבן זיך איינגעטיילט אין "דגלים"

## ל"ג בעומר סעודה



א רייכע סעודה ל"ג בעומר



אלע שמעון'לער האבן אפגעקויפט דעם זכות פון אנצינדן די גרויסע ליכט



די שמעון'לער צינדן דעם ליכט צוזאמען מיט'ן מנהל



מיר זינגען שוין די זמירות אינעווייניג

## ברכת אילנות



א ברכה אויף א פרי אין עפל פארעם



א שיינע טריפ נאך די ברכת אילנות
אויף די פרישע לופט!



מיר מאכן שוין די ברכה
אינעווייניגאויף די פרישע לופט!



דער מלמד מומחה הר"ר יונה האפמאן שליט"א אונטערהאלט
די קינדער ביים טריפ נאכ'ן מאכן די ברכה לאילנות

ארויפליינן די נקודות אויף די ווערטער, אזוי אז ער לייגט צו קאפ צו יעדעס ווארט.

יעצט האלט מען שוין טיף אינמיטן ברכת התורה, און מ'האפט ביז סוף יאר אנצוקומען א גרויסן חלק פון דאווענען.

דער נייער איינפיר וועט זיין א געוואלדיגער דורכברוך אין פאררעכטן גרייזן ביי די קינדער. מנהלים פון עטליכע מוסדות פון איבעראל זענען שוין געקומען קוקן און נאכקאפירן דעם סיסטעם, ווייל ס'איז א מורא'דיגע איינפאל אויף א זאך וואס מ'מוטשעט זיך שוין יארן לאנג, וויאזוי ארויסצוהאקן איינגעגעסענע גרייזן ביי די יונגע קינדער.

## כיתות ב'-ג'

### אינהאלטסרייכע "יעלה ויבוא" פארשטעלונג

די קינדער פון כיתות ב' און ג' זענען באלוינט געווארן מיט א זעלטן שיינעם "טריפ", נאכדעם וואס זיי האבן זיך אויסגעצייכנט אין בענטשן ברכת המזון הויך אויפ'ן קול.

במשך דעם חודש סיון איז אנגעגאנגען א קאמפיין אז די קינדער זאלן בענטשן שיין און הויך אויפ'ן קול, און די קינדער האבן אלס באלוינונג באקומען "יעלה ויבוא" קארטלעך. די קינדער האבן געוואוסט אז ס'ווארט זיי עפעס א באלוינונג און אז דאס האט 'עפעס' צו טון מיט ראש חודש, אבער זיי האבן בכלל נישט געוואוסט וואספארא איבערראשונג ס'ווארט זיי אפ.

מאנטאג פ' חקת, א טאג נאך ר"ח תמוז, האבן די קינדער באקומען זייער לאנג-ערווארטעטע און ערליך-פארדינטע איבערראשונג. זיי זענען געפירט געווארן צו א פלאץ וואו זיי האבן געזען ווי ס'ווערט מקוים דער "יעלה" - העליקאפטערס הייבן זיך אין די לופטן, און "ויבוא", מענטשן טאנצן אראפ מיט פאראשוטן און קומען אראפ צו דער ערד.

אויפ'ן וועג צום טריפ האבן די קינדער געזונגען שיינע ניגונים, און אנקומענדיג האבן זיי זיך שיין אויסגעזעצט און געווארט געדולדיג ביז דער פראגראם האט זיך אנגעהויבן.

די קינדער האבן צוגעקוקט מיט הנאה ווי די העליקאפטערס הייבן זיך אויף הויך אין די לופטן, ביז זיי ווערן כמעט נעלם פון אויג, און דאן לאזן זיך אראפ פיצי מענטשעלעך דערפון, און ווען זיי זענען שוין אין די לופטן לאזן זיי ארויס די פאראשוטן און זיי לאזן זיך שטאטלעך אראפ ביז זיי לאנדען אויף דער ערד.

די קינדער האבן שטארק הנאה געהאט פון דעם אויספלוג, און געווען שטארק דאנקבאר פאר די הנהלה וואס האט דאס צוגעשטעלט.

### דרשת התעוררות פון הגה"צ ר' שמעון זאב מייזליש שליט"א

ערב שבת ראש חודש סיון העעל"ט האבן די צעירי צאן קדשים פון די כיתות ב' און ג' אין "בנין מארקאוויטש", געהערט א דרשת התעוררות פון הגה"צ פה מפיק מרגליות רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א, רב ביהמ"ד ישמח משה בשכונת ברך משה, וועלכער איז געלאדענט געווארן זיי צוצוגרייטן לפי דרגתם צו קבלת התורה.

דער רב שליט"א האט זיך אראפגעלאזט צו טרעפן מסילות ללבבם פון די יונגע קינדער און רעדן זייער שפראך אין וועלכן ער האט ארומגערעדט איבער אחדות און אהבת חברים, וואס דאס איז זייער וויכטיג פאר קבלת התורה.

ער האט פאר די קינדער לעבעדיג געשילדערט די מעשה פון דוד המלך מיט גלית, און איבערגעלאזט פאר די קינדער 'היימארבעט' צו פרעגן די עלטערן וואו ביים שבת'דיגן דאווענען זאגט מען א קאפיטל תהילים וואס האט שייכות מיט די מעשה, און ער האט שטארק מעורר געווען איבער די מצוה פון כבד את אביך ואת אמך, וואס מיט די אלע קבלות טובות קען מען קומען צום געהויבענעם











# כיתות ב'-ג' פ' ויקרא





לכבוד פ' ויקרא האט מען אראפגעברענגט פארשידענע בהמות אין הויף פון בנין מארקאוויטש,
אז די קינדער זאלן וויסן וועלכע בהמות ס'זענען כשר און וועלכע נישט



די טשערעפאכע



די קינדער באטראכטן די ציגעלע





די קינדער פון כיתות ב'-ג' פראטעסטירן קעגן די רשעות און חיטוטי שכבי פון די ציונים ימ"ש




די קינדער אין "בנין מארקאוויטש" לערנען יעדן טאג לע"נ די מוטער ע"ה
פון די חשוב'ע נדבנים, האחים הנגידים מארקאוויטש שיחיו



הרבני הנגיד ר' ברוך מרדכי מארקאוויטש הי"ו, ביים זאגן קדיש
לע"נ אמו החשובה ע"ה, כמנהגו יעדן עש"ק



מעמד קבלת התורה.

די דרשה האט אויף די צאן קדשים געמאכט א געוואלדיגן רושם, וואס מ'האט געקענט דערקענען ווען מ'האט שפעטער געזונגען "והאר עינינו" מיט א שטארקע ערנסטקייט און התרוממות.

## הלכות נטילת ידים אין כיתה ב'

אין כיתה ב' האט מען לעצטנס אנגעהויבן צו לערנען די הלכות פון "נטילת ידים" מיט די קינדער, אז זיי זאלן וויסן און פארשטיין די וויכטיגקייט און גרויסקייט פון די מצוה, און די פילע הלכות מיט וואס דאס איז פארבינדן.

די חשוב'ע מלמדים לערנען אין די


ליקוטי הלכות
על מצות וברכת על נטילת ידים

קלאסן די הלכות, און בשעת מ'גייט זיך וואשן ביי פרישטאג גייט מען דורך די הלכות אין קורצן, און מ'דערמאנט זיי בשעת מעשה אלע הלכות און זאכן אין וואס מ'דארף נזהר זיין, אזוי אז זיי גייען צו צו די מצוה מיט די ריכטיגע הכנה.

## כיתה ב' קינדער הייבן אן צו לערנען רש"י אותיות

די קינדער פון כיתה ב' זענען לעצטנס געשטיגן מיט א דרגה, ווען מ'האט שוין אנגעהויבן צו לערנען "רש"י אותיות" מיט זיי.

די חשוב'ע מלמדים שיחיו לייגן אריין געוואלדיגע כוחות אויסצולערנען פאר די קינדער דעם נייעם כתב, און מ'דארף שווער ארבעטן אז די קינדער זאלן זיך נישט צעמישן צווישן די כתב עברי און כתב רש"י, אוןביידע זאלן ווערן גוט איינגעקריצט אין מוח.

ווי די עלטערן זאגן איז ממש א פארגעניגען צו הערן פון די קינדער ווי פליסיג זיי זאגן די רש"י אותיות, און ס'דערקענט זיך די ארבעט וואס מ'לייגט אריין אין זיי במשך די שעה'ן וואס זיי זענען אין תלמוד תורה.

פארגאנגענעם פ' חקת איז אויך באשטימט געווארן אלס "עברי וואך" אין כיתה ב'. במשך די גאנצע וואך האבן זיך די מלמדים בעיקר פארלייגט אויף די עברי פון די קינדער, זיכער צו מאכן אז די קינדער פארגעסן נישט די וויכטיגסטע כללים און יעדער פון זיי קען פליסיג ליינען די ווערטער.




## תלמידי כיתה ג' מסיים 2 פרקים

אין די לעצטע וואכן האבן די תלמידים פון כיתה ג' געפראוועט דעם סיום אויף פ' "כיצד מברכין" און פ' "מאימתי" אין מס' ברכות.

די טאטעס האבן יעדע וואך פארהערט די קינדער, און זיי האבן געשעפט נחת זעענדיג ווי גוט און קלאר די קינדער האבן געקענט און פארשטאנען די משניות.

אויף סוף יאר ווערט געפלאנט א גרויסארטיגער סיום אויף אלע פרקים וואס מ'וועט האבן דורכגעלערנט במשך דעם יאר, און די קינדער - די קליינע תלמידי חכמים'לעך - קוקן שוין שטארק ארויס דערויף און גרייטן זיך דערצו מיט די ריכטיגע הכנה.

# כיתות ד'-ה'

## פון א 'דורכפאל' צו א 'סוקסעס'...

מידי שנה בשנה ווערט אריינגעלייגט גרויסע כוחות דורך די חשוב'ע מנהלים רוחניים פון די יונגערע כיתות פון די מוסדות צו טרעפן א פאסיג פלאץ וואו צו גיין אויף א טריפ, עס זאל זיין אינטערעסאנט פאר די קינדער, אבער אויך איידל ערליך און אפגעהיטן.

היי-יאר האט דער רבוש"ע צוגעפירט אז די גרעסערע כיתות פון די ת"ת זענען געפארן פריער אין קעמפ "מחנה בית רחל", און אויף ד' שלח איז באשטעלט געווארן העררליכע ריידס. וואס קען דען זיין בעסער ווי ארויספארן אין קעמפ, שפילן אויף די ריידס, כאפן א שווים, און אהיימקומען? עס האט נאך א מעלה אז עס קאסט ביליג, וואס דאס איז איינע פון די זאכן וואס די הנהלה לייגט א שטארקע געוויכט און יעדן דאלער וואס מ'קען שפארן פאר די עלטערן איז הכל רווח.

נאך א מיטינג מיט'ן מנהל פון מחנה בית רחל איז אלעס ערלעדיגט געווארן, די בשורה איז איבערגעגעבן געווארן פאר די תלמידי כיתה ה', זיי זענען געשפרונגען פאר שמחה, געבראנגט דאס געלט, די שווים זאכן, די פעקלעך צדה לדרך, און עס איז מיטוואך ניין אזייגער אינדערפרי, די באסעס קומען אן.

און דעם מנהל'ס טעלעפאן צוקלינגט זיך...

דער מנהל פון קעמפ רופט אויפ'ן טעלעפאן מיט א טיפע אנטשולדיגונג, אבער ער האט נארוואס באקומען אן אומגערישטע אינספעקשאן, און צום באדויערן קען מען נישט קומען אויף קיין טריפס כל זמן די אומגעוואונטשענע געסט זענען דא.

ווי א דונער אינמיטן העלן טאג איז די בשורה געפאלן אויף די ארום 250 כיתה ה' קינדערלעך, וואס זענען שוין געשטאנען מיט איין פיס אויפ'ן באס...

עס פארשטייט זיך אליין אז דער 'בואי בשלום' צוריק אין חדר אריין איז געווען באגלייט מיט טרערן, קינדער זענען געווען אויסער זיך, פארלוירן און אנטוישט, זיי וויסן נישט וויאזוי צו עסן א דורכפאל אין די לעצטע מינוט.

דא איז אריינגעשפרונגען אין בילד דער גענעראל! דער מנהל הר"ר יחיאל יצחק שפיצער שליט"א האט באלד 'אונטערגעציינדן' די מלמדים אז מ'גייט פארארבעטן א חינוך אקציע, יעצט גייט מען לערנען די קינדער דעם "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד", און וויאזוי מ'פארמעסט זיך מיט א דורכפאל.

די קינדער האבן זיך שווערליך אריינגעשלעפט צוריק אין חדר אריין, אבער דא האבן די מלמדים אנגעהויבן צו געבן פייערדיגע שמועסן, מיט מעשיות און סיפורי צדיקים פון מקבל זיין באהבה וויאזוי דער רבש"ע פירט זיין וועלט, אפילו ווען עס קוקט אויס שווער אויף די מינוט. און אדרבה, דאס איז איינע פון די זאכן מיט וואס א איד איז אנדערש פון א גוי, אז א איד קען זיך באהערשן אין א שווערע מינוט, און גליבן אז אויב השי"ת האט אזוי געפירט איז דאס די בעסטע פאר אים, און אזוי דארף צו זיין.

שפעטער האט דער מנהל שליט"א אויפגעטרעטן מיט א דרשה, שילדערנדיג

די מעשה פון "רבי עקיבא מיט די רויבער" און נאך ענליכע סיפורים, וואס ברענגט ארויס די אמונה אין השגחה פרטית, מ'האט געזען ווי די תלמידים נעמען דאס אויף מיט א שטארקע התרגשות און פארשטענדליכקייט, און צוביסלעך האט זיך אויף די באזארגטע אנטוישטע פנימ'לעך אנגעהויבן צו באוויזן צופרידענע שמייכלעך...

און... די קינדערלעך, יונגע ניין יעריגע קינדער זענען צוריקגעגאנגען אין חדר לערנען פלייסיג כאילו לא היה, זיי האבן שלום געמאכט מיט'ן מצב מיט א שמייכל.

דער טריפ איז טאקע באצאלט געווארן דאנערשטאג, די קינדער האבן געהאט דעם פיינעם טריפ מיט די ריידס, אבער מערערע קינדער האבן זיך אויסגעדרוקט "מיר פילן אז מיטוואך האבן מיר געלערנט עפעס מער ווי דאנערשטאג, מיר האבן קונה געווען א יסוד גדול פאר'ן גאנצן לעבן"...

*

כיתה ד' איז געפארן אויפ'ן טריפ א וואך שפעטער, אויך אין מחנה בית רחל, וואו זיי זענען געשווימען און מיטגעהאלטן א באלערענדן מוסר השכל 'שפיל', וואס איז אראפגעגעבן געווארן מייסטערהאפט דורך הרה"ח ר' משה ארי' גוטטמאן שליט"א מנהל קינדערגארטן, מיט'ן טאלאנטפולן מלמד מו"ה פישל האלפערט הי"ו, צוזאמען מיט'ן חשוב'ן משגיח פון מחנה קרית יואל


מ'לערנט די גמ' אין אלו מציאות, ומחרוזות של דגים - שנירלעך פיש


די קינדער ביים זאגן די ברכה אויף די פריש-געשפראצטע ביימער

# ל״ג בעומר אין קינדערגארטן



המלמד החשוב מו״ה שלמה ברייער שליט״א
גיסט אריין אויל



המלמד החשוב מו״ה אשר ישעי'
פיירערשטיין שליט״א צינדט אן די הדלקה



דער פייער ברענט



המלמד החשוב מו״ה עמרם אקער הי״ו הייבט
דעם עולם אין די לופטן



בר יוחאי.... ואמרתם כה לחי... אמר ר' עקיבא



מו״ה יואל פיירערשטיין הי״ו שפילט מיט מוזיק



מציל אש לעשט אויס די פייער





די מערה מיט די באקסער בוים וואס די קינדער האבן געמאכט

## פ' קדושים מיר לערנען די מעשה פון ר' נחמן בר יצחק און זיין יראת שמים דורך די קאפל אויפ'ן קאפ



אינמיטן לערנען אונטער'ן בוים קומט א
ווינט און די קאפל פאלט אראפ



אינמיטן שפילן



אינמיטן שלאפן



וואס דארף מען טון אויב די
קאפל פאלט אראפ?

# פ' בהר בחוקתי די מעשה פון חוני המעגל



מיר מאכן א רינג



הייליגער באשעפער, העלף אז
עס זאל קומען רעגן!



הייליגער באשעפער, העלף אז
עס זאל קומען רעגן!



אוי! עס גיסט!

# שבועות אין קינדערגארטן

## מיר שטעלן אליינס צוזאם די הערליכע ספר תורה











## פ' בהעלותך די מעשה פון חצקל בעל עגלה - עין רואה



חצקל בעל עגלה שמייסט די פערד



ער זעהט עפעלעך און ער וויל עס נעמען



חצקל, איינער קוקט!!! ער פארט שנעל אוועק...

## פ' שלח



די מרגלים טראגן טרויבן



יושע און כלב האבן גארנישט געטראגן





והיינו בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם... טייל קינדער זענען ארויפגעגאנגען אויפ'ן בארג פון "שכונת ברך משה"
און זיי האבן געקוקט אויף די קינדער וואס זענען געשטאנען נעבן תלמוד תורה און אויסגעזען פונדערווייטנס ווי מורישקעס

## זוממער אין קינדערגארטן









ווי געשמאקן דערציילט זיך די פרשה אויף די פרישע לופט!

# אונזער פארעם איז שוין אפן - נפלאות הבורא









דאס איז נישט קיין פאפקארן מאשין...
נאר א אינקיובעיטאר וואס וועט אי"ה
קראכן די אייער און עס וועט ארויסקומען הינדעלעך



די קינדער צייכענען דעם לוח און ווארטן קוים
אויפ'ן טאג ווען די אייערלעך וועלן אויפקראכן
און עס וועלן ארויסקומען די הינדעלעך



א שיעור איבער וואס
ס'גייט פאסירן מיט די אייערלעך

# פ' חקת



פרה אדומה א רויטע קוה



ער שלאגט דעם שטיין און עס קומט וואסער



עוג מלך הבשן



דמא בן נתינה וויל נישט אויפוועקן זיין טאטע



דער כהן גדול